NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05154

BLUMEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בלומען

טעקסטען פון לידער צו זינגען אין די
אידישע שולען.

צונויפגעשטעלט פון

עקב לעווין

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „אידישע שול“
ניו־יאָרק, — 1920

אַ פּאָר ווערטער צו די לערער.

די אויפגאַבע פון דעם ביכעל איז — צו געבען די קינדער אין די הענט דעם טעקסט פון די לידער, וואָס ווערען געווינטליך געזונגען אין די אידישע שולען און פון אַ גאַנצער ריי לידער, וואָס ווערען נאָך אפשר ניט געזונגען, אָבער וועלכע מען וואָלט דאָרט געדאַרפט איינפירען.

דאָס ביכעל וועט ערשטענס געבען אַ מעגליכקייט די לערער צו באַפרייען זיך פון די אַלע פּאַר'מבול'דיגע מיטלען ווי העקטאָגראַפירען, מימיאָגראַפירען א. ד. ג. די לידער, און וועט די קינדער אַליין איינשפּאָרען די אַרבייט פון אַראָפּשרייבען די לידער פון ברעט אָדער פון בלענדען די אויגען איבער האַלב קענטיגע, האַלב פאַרוועגדטע און פאַרשמירטע העקטאָגראַפירטע א. ד. ג. קאָפּיעס. אויסערדעם וועט עס טאַקע נאָך העלפען די לערער אין אויסקלייבען די פּאַסיגע לידער.

דאָס ביכעל האָט בלויז די טעקסטען פון די לידער און ניט די נאָטען, ווייל ערשטענס לערנען די קינדער זעהר זעלטען נאָטען און די לעצטע זיינען פאַר זיי דעריבער איבעריג, און צווייטענס וואָלטען די נאָטען אויף אַזוי פיעל פאַרטייערט דאָס ביכעל, אַז עס וואָלט ווידער פאַרפעלט זיין ציל — צו געבען י ע ד ע ן קינד אַ מעגליכקייט צו האָבען פאַר זיך דעם טעקסט פון אַלע לידער, וואָס ווערען געזונגען אין שול. דערפאַר אָבער ווערט ביי יעדען ליד, אינ'ם „אינהאַלט“, אָנגעוויזען אין קוואַדראַטע קלאַמערן, וואו מען קען געפינען אָדער באַקומען די נאָטען צו אים. די נעמען פון די נאָטען־זאַמלונגען זיינען אינ'ם אינהאַלט אָנגעגעבען פאַרקירצט אויף אַזאַ אופן:

„ל.“ — מיינט: ה. לעפקאָוויטש — „אידישע געזאַנגען“.

„ב.“ — מיינט: פּל. ברונאָוו — ערשטעס בוך אידישע פאָלקס־לידער.

„וו.“ — מיינט: מ. וואַרשאַווסקי — אידישע פאָלקס־לידער (די נאָטען בלויז).

„כ.“ — מיינט: י. ל. כהן—איד. פאָלקס־לידער, ב. II. (די אַלע זיינען אַמעריקאַנער אויסגאַבען).

„ע.“ — מיינט: י. ענגעלס — אידישע קינדער לידער.

„פּ.“ — מיינט: לידער־זאַמלונג פון פּעטערבורגער געזעלשאַפט פאַר אידישער פאָלקס־מוזיק. פּעטראָגראַד.

די נאָטען פון אַ סך לידער אָבער, וואָס זיינען פּאַסיג צום זינגען, קאָן מען ניט געפינען אין קיין איינער פון אָט די זאַמלונגען. איניגע פון זיי זיינען אַרויסגעגעבען און מען קאָן זיי קריגען צום קויפען באַזונדער. דאָס זיינען די אויסגאַבען פונ׳ם אַרבייטער־רינג (באַצייכענט אין די קוואַדראַטע קלאַמערן מיט „אַ.־ר.") און פון י. קאַץ (באַצייכענט מיט „ק.") זייערע אַדרעסען זיינען: 1) אַרבייטער־רינג, 175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק: 2) יוסף קאַץ, 181 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק.

פון אַנדערע לידער זיינען די נאָטען נאָך בכלל ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען און מען קאָן זיי נאָר קריגען, ווען מען ווענדט זיך צו די פאַרפאַסער.

„ג." — מיינט: ס. גאָלוב — אַדרעס: 63 איסט 112טע גאַס, ניו־יאָרק. „ש." — מיינט י. שייפער, אַדרעס: 1531 עדזשעמאָנט עווע., שיקאַגאָ, איל. „פּאָז." — מיינט: ס. פּאָזנער — 1976 לעקסינגטאָן עווע, ניו־יאָרק. איניגע לידער ווידער ווערען זעהר ברייט געזונגען, נאָר זייערע נאָטען זיינען, אויף וויפיעל מיר איז באַוואוסט, אין ערגעץ ניט געדרוקט. ביי אַזעלכע לידער האָב איך אין די קוואַדראַטע קלאַמערן געשטעלט אַ שטערנדעל. די נאָטען פון כמעט אַלע אָט די לידער קאָן מען באַקומען ביי י. געלבאַרט („ביי שולמאַן, 13 ריינוואוד סטר., ראַטשעסטער, נ. י."). אין רינגעלעך זיינען אָנגעגעבען די נעמען פון די מוזיק־פאַרפאַסער.

איינטיילען די לידער לויט די יאָרען איז זעהר שווער און אפילו ניט אינגאַנצען צוועקמעסיג, ווייל אין די מערסטע שולען ווערט דאָס זינגען נאָך אַלץ געפירט ניט לויט די קלאַסען, נאָר מיט אַלע קינדער צוזאַמען: די לידער אין דעם ביכעל זיינען דעריבער איינגעטיילט לויט זייער אינהאַלט.

איך וויל דאָ אויסדריקען מיין דאַנק ה. מ. פּאָזנער פאַר זיינע עצות, וואָס איז נוגע דער מוזיק פ אַ ריי לידער; פרוי בערטע קלינג פאַר די איניגע לידער, וואָס זי האָט מיר אָנגעוויזען, און די פריינד י. ביילין, י. שטיינבוים און ל. לערער פאַר זייערע וויכטיגע באַמערקונגען וועגען דער ווינשענסווערטקייט פון אַריינשטעלען די אָדער יענע לידער.

דער צוזאַמענשטעלער.

אינהאַלט

1. קינדער־לידער

1) פייגעלע, פייגעלע — פאָלקס־ליד — — [ע] — 11

2) האָב איך מיר א מיכעלקע. — פאָלקס־ליד [ל. ב. ע. פ.] — 11

3) שיקט דער האר. — פאָלקס־ליד — — [ל.] — 13

4) וואָס איז דאָס שענסטע — פאָלקס־ליד [כ.] — 15

5) זיצען, זיצען זיבען קינדער. — פאָלקס־ליד [ב. פ.] — 16

6) קעסטעלעך. — פאָלקס־ליד — — — [ע.] — 17

7) קומט דער ליבער זומער. — פאָלקס־ליד [כ.] — 18

8) אמאָל איז געווען א מעשה. — פאָלקס־ליד [ל. ב. ע. פ.] - - 19

9) קען איך ניט פאַרשטעהן. — יהואש. (פיראָזשי־ניקאָוו; ס. שרייבמאַן) [אין „דאָס נייע וואָרט“ פאַר 1919] — 20

10) צעהן ברידער — פאָלקס־ליד — [ב. פ. ק.] — 21

11) אז דער רבי. — פאָלקס־ליד — — — [ע.] — 23

12) א רעטעניש — פאָלקס־ליד — — [כ. פ. ק.] — 24

13) א מאַרש־ליד — ד. טשאַרנ. [ע. אויך ב. און פ. מוזיק פון „גוואַלד זשע, ברידער“] — — — 25

14) אַז איך וועל פאָרען. — ל. קאַפּילאָוויטש [מאָטיוו פון די לעצטע דריי פאלען פון דער אידישער מעלאָדיע פון אַ. צימבאַליסט] — — — — — — — 27

2. נאַטור־לידער

15) דאָס זריעה־קערנדעל. — ש. פרוג — [ע.] — 28

16) א רעגענדעל. — נ. גאָרעליק — — — [ע.] —29

(17 קאָרן־שוועסטערלעך. — ד. איינהאָרן—[ע.] — 30
(18 הערבסט־ליד. — ד. טשאַרני — — — — [ע.] — 31
(19 ווינטער־ליד. — ד. טשאַרני — — — [ע.] — 32
(20 דאָס פרייליכע ווינטער־ליד. ד. טשאַרני [ע.] — 33
(21 א גרוס. — מ. ריוועסמאַן (מענדעלסאָן) [ל.פּ.] —33
(22 פרילינג. — י. ביילין (י. שייפער) — [ש.] — 34
(23 שוואַלבען, שוואַלבען!—פּ. רויזענבלאַט [ג.] — 35
(24 געפאַנגען. — פּ. הירשביין — — — — [ל.] — 35
(25 דער פרילינג רופט. — מ. ריוועסמאַן (פּ. לוואָוו)
[פּ.] — 36
(26 די פעלד־בלומען. — מ. ריוועסמאַן (מענדעלסאָן)
[פּ.] — 37
(27 אָן אווענט־ליד. — מ. ריוועסמאַן (מאָצאַרט)
[פּ.] — 38
(28 דער וואַלד. — מ. ריוועסמאַן (מענדעלסאָן)
[פּ.] —38
(29 דאָס געזעגענען זיך מיט׳ן וואַלד.—מ. ריוועסמאַן
(מענדעלסאָן) [פּ.] — 39
(30 צו דעם זילבער־קלאָרען טייכעל. — מ. ריוועסמאַן
(רובינשטיין) [פּ.] — 40
(31 הערבסט־ליד. — מ. ריוועסמאַן (מענדעלסאָן)
[פּ.] — 40
(32 הערבסט. — א. רייזען פון פּלעשטשייעוו
(טשייקאָווסקי) [ק.] — 41
(33 דער ווינטער. — מ. וואַרשאַווסקי [א. ל. ע.] — 42
(34 א ווינטער־ליד. — א. רייזען — — [ק.] — 43
(35 די נאַכט. — פּ. הירשביין — — — — — [*] — 44

3. יום־טובים־לידער

36) אַט איז דער יום־טוב שוין געקומען. מ. ריוועסמאַן (מענדעלסאָן) [פּ.] — 46
37) פּיער גילדען אויף שבת. ס. גאָלוב — [ג.] — 47
38) חנוכה. — א. רייזען — — — — — [ע.] — 48
39) חנוכה־ליכט. — מ. ראָזענפעלד. (ה. לעפקאָוויטש און א. בערנשטיין [ל. ק.] — 49
40) פּורים. — מ. ריוועסמאַן — — — — — [פּ.] — 50
41) שלח מנות. — א. ראָזעט — — — [ע.] — 51
42) א פּורים־ליד. — פאָלקס־ליד. — — [ל.] — 51
43 שבועות. — ש. פרוג — — — — — — [ע.] — 52
44) אין סוכה. — א. רייזען — — — — — [ע.] — 53
45) שמחת־תורה. — מ. וואַרשאַווסקי — [וו.] — 54

4. לידער פון אַרבייט

46) בעל־מלאכה. — ? — — — — — — [ע.] — 55
47) א וואַש־ליד. ד. טשאַרני — — — — [ע.] — 56
48) בין איך מיר א שניידערל. — פאָלקס־ליד [כ.] — 56
49) וואָלט איך געווען. — פאָלקס־ליד. [כ. ב. ק.] — 57
50) ליד פון אַרבייט. — ש. פרוג (י. וויינשטאָק) [ק.] — 58
51) דאָס פריילעכע שניידערל. — מ. וואַרשאַווסקי [וו.] — 59
52) איידער איך לייג זיך שלאָפען. — פאָלקס־ליד [כ.] — 60
53) ביים בעל הבית׳ס טיר. — א. רייזען (מ. פאָזנער) [פאָז.] — 61
54) דאָס געבעט. — א. רייזען — — — [ע.] — 62

55) מיין אינגעלע. — מ. ראָזענפעלד — — [*] — 63

56) דעם מילנערס טרערען. — מ. וואַרשאַווסקי [וו.] — 64

57) צום העמערל.—א. רייזען (מ. פּאָזנער) [פּאָז.] — 66

58) די סאכע. — א. צונזער — — — — —[*] — 66

59) דאָס קאָלאָניסטען־ליד. — מ. וואַרשאַווסקי [וו. ל.] — 67

60) פלאַקער, פייער! — א. גאָלדפאַדען — [*] — 68

61) דאָס ליד פון ברויט. — מאַני לייב (ס. גאָלוב) [ג.] — 69

62) די שאָף־מיידעל. — א. לעסין (י. רומשינסקי) [ר.] — 70

63) דער קאַטערינשטשיק. — איבערז. מ. ל. האַלפּערין (שובערט) [ר.] — 70

5. וויג־ליד

64) שלאָף־ליד. — פאָלקס־ליד — — — [*] — 73

65) איי־ליו, ליו־ליו שלאָף! — פאָלקס־ליד [*] — 73

66) וויג־ליד. — ס. גאָלוב — — — — — [ג.] — 74

67) די מוטער צום קינד. — א. רייזען (מ. פּאָזנער) [פּאָז.] — 75

63) שא, מיין קינד! — א. רייזען (י. מעדוועדיעף) [ק.] — 76

69) שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר. — פאָלקס־ליד [כ.] — 77

70) שלאָף מיין קינד! — שלום עליכם — [*] — 77

71) א וויג־ליד. — ה. ד. נאמבערג — — — — [*] — 78

6. פאַמיליען־לידער

72) די מוזינקע אויסגעגעבען. — מ. וואַרשאַווסקי [וו. ל. פּ.] — 80

73) די גאָלדענע פּאַווע. — פאָלקס־ליד—[ל. ק.] —81
74) זיי זשע מיר געזונט. — פאָלקס־ליד—[פּ.] — 82
75) א בריף פון אמעריקע. — מ. וואַרשאַווסקי
[וו.] — 83
76) עס קומט געפלויגען. פאָלקס־ליד. [ב. פּ. ק.] — 84
77) דאָס בריוועלע. — פאָלקס־ליד — — [ק.] — 85
78) קליפּ־קלאפּ. — פאָלקס־ליד. — — [ב.] — 86
79) א שיף־ליד. — ה. ד. נאמבערג — — [ע.] — 87

7. פרייהייט־לידער

80) צו דער פרייהייט. — ש. פרוג (י. שייפער)
[א.־ר.] — 88
81) דער קאנאַריק. — מ. ראָזענפעלד (מ. קיפּניס)
[אין קרינסקים „דער יודיש־לערער] — 89
82) וואַכט אויף. — ד. עדעלשטאַט. — — [ש.] — 89
83) און דו אַקערסט און דו זייסט. — בן־אהוד פון
הערוועג. (י. שייפער) [אַ.־ר.] — 90
84) דאָס נייע ליד.—א. רייזען (י. שייפער) [ש.] —91
85) דער אינטערנאַציאָנאַל.—איבערז. מ. ווינטשעווסקי
[ק.] — 92
86) ארבייטער־ברידער. — י. סלאָנים (י. שייפער)
[א.־ר.] — 93
87) מיין רוהע־פלאַץ. — מ. ראָזענפעלד — [*] — 94
88) מיר ברעכען. — א. רייזען — — — [*] — 94
89) דער אווענט־גלאָק. — ד. עדעלשטאַט [*] — 95
90) די שבועה. — סינאַני — — — —[א.־ר.] — 97

8. לידער צום פאָלק

91) צו מיין פאָלק. — י. יפה (פּ. ברונאָף) [ק.] — 98
92) ריין און ליכטיג איז דער הימעל. — ש. פרוג
[*] — 99

93) דאָס אַלטינקע פידעלע. — שאַרקאַנסקי (פּ. ברונאָף) — [ל.] — 100
94) די בלום. — יהואש. (י. וויינשטאָק) [ל. ק.] — 100
95) ים־לידער — ר׳ יהודה־הלוי איבערז. פון ח. נ. ביאַליק [ק.] — 101
96) וואָס זעה איך? — א. גאָלדפאַדען — [*] — 103
97) דעם אָדלערס קלאָג. — מ. וואַרשאַווסקי [וו] — 104
98) זאַמד און שטערען. — ש. פרוג (א. בערנשטיין) [ק.] — 105
99) האָט רחמנות. — ש. פרוג (ה. לעפקאָוויטש) [ק.*] — 106
100) דער כוס. — ש. פרוג איבערז. י. ל. פרץ (ס. גאָלוב) [* ג.] — 107
101) פאַר משיח׳ן. — ד. פרישמאַן. — — — [*] — 109

9. פֿאַרשידענע לידער

102) דער אלף־בית.—מ. וואַרשאַווסקי [וו.ל.פּ.ק.] — 110
103) לאָמיר אַלע אינאיינעם. — פאָלקס־ליד [*] — 111
104) די אַלטע קשיא. — פאָלקס־ליד. — — [פּ.] — 111
105 אין חדר. — מ. מילנער — — — — [יאַס.] — 112
106) א גנבה. — פאָלקס־ליד. — — [כ. ב. פּ.] — 113
107) חאַצקעלע. — פאָלקס־ליד. — [ל. כ. ב. פּ.] — 114
108) זשאמעלע. — ש. הורוויטש — — — [*] — 114
109) דער בלינדער. — מאַני לייב (פּ. יאַסינאָווסקי) [יאַס.] — 115
110) שיין פייגעלע. — מ. ריוועסמאַן (מענדעלסאָן) [פּ.] — 116
111) די יונגע יאָרען. — פאָלקס־ליד. — — [כ.] — 116
112) איך בין א בעל־עגלה. — פאָלקס־ליד. (זאַסלאַווסקי) [פּ. ק.] — 117

113) פינסטערע נעכטעל. — מ. ריוועסמאַן (רובינשטיין) [פּ.] — 118

114) אויפ'ן בוידים שלאָפט דער דאַך. — ב. שאפיר [*] — 118

115) עס זינגט זיך נישט. — מ. וואַרשאַווסקי [וו.] — 119

116) די איינזאַמע מוטער. — איבערז. מ. ל. האַלפּערין (מענדעלסאָן) [פּ. ק.] — 120

117) צום וואַנדערער. — מ. ריוועסמאַן (גלינקאָ) [פּ. פּערסישער כאָר] — 121

118) טרערען. — מ. וואַרשאַווסקי — — [וו.] — 121

119) ווען איך לייד. — מ. ראָזענפעלד (ס. גאָלוב) [ג.] — 122

120) די אַלטע האַרף. — י. ל. פּרץ (ה. לעפּקאָוויטש) [ק.] — 123

121) אַ לאַנגער אויגענבליק. — מ. ראָזענפעלד (אָג. האַלטיר) [געדרוקט אין „אידיש קונסט־פריינד“, שיקאַגאָ — — — — — — — — — — — —] 123

122) מיין שיף געהט אונטער. — מ. ראָזענפעלד (ס. גאָלוב) [ג.] — 124

123) צו שפּעט. — י. מאַרינאָוו (ל. סאַמואילאָוו) [צו באַקומען אין „קונדס“: 200 איסט־בראָדוויי נ. י.]—125

124) מאַי־קאַ־משמע־לן. — א. רייזען (זאַסלאַווסקי) [ק.] — 126

125) אַ קאַראַהאַד. — פאָלקס־ליד — — [ב.] — 127

I. קינדער-לידער

פייגעלע, פייגעלע!

פייגעלע, פייגעלע!
— פי, פי, פי!
וואו איז דער טאַטע?
— ניטאָ דאָ הי!
ווען וועט ער קומען?
— מאָרגען פריה!
וואָס וועט ער ברענגען?
— עפּעל פּיער!
וואו וועט ער לייגען?
— הינטער דער טיר!
מיט וואָס וועט ער צודעקען?
— מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר!
ווער וועט זיי עסען?
— איך מיט דיר!

פאָלקס-ליד.

האָב איך מיר אַ מיכעלקע

האָב איך מיר אַ מיכעלקע, אַ מיכעלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קען.
מאַכט ער מיר אַ פּײַפעלע, אַ פּײַפעלע,
דאָס פּײַפעלע מאַכט אַזוי:

פיו־פיו־פיו, פיו־פיו־פיו —
דאָס איז אַ פײַפעלע.

האָב איך מיר א. אַז. וו. ביז: „ער קען"
מאַכט ער מיר אַ טראָמבעצקע, אַ טראָמבעצקע,
די טראָמבעצקע מאַכט אַזוי:
טרו־טרו־טרו, טרו־טרו־טרו —
דאָס איז אַ טראָמבעצקע;
פיו־פיו־פיו, פיו־פיו־פיו —
דאָס איז אַ פײַפעלע.

האָב איך מיר א. אַז. וו. ביז: „ער קען"
מאַכט ער מיר אַ פײַקעלע, אַ פײַקעלע,
דאָס פײַקעלע מאַכט אַזוי:
טרבאָם־באָם־באָם, טרבאָם־באָם־באָם —
דאָס איז אַ פײַקעלע;
טרו־טרו־טרו, טרו־טרו־טרו —
דאָס איז אַ טראָמבעצקע;
פיו־פיו־פיו, פיו־פיו־פיו —
דאָס איז אַ פײַפעלע.

האָב איך מיר א. אַז. וו. ביז: „ער קען"
מאַכט ער מיר אַ פידעלע, אַ פידעלע,
דאָס פידעלע מאַכט אַזוי:
פידעל־מידעל, פידעל־מידעל —
דאָס איז אַ פידעלע;
טרבאָם־באָם־באָם, טרבאָם־באָם־באָם —
דאָס איז אַ פײַקעלע;

טרו־טרו־טרו, טרו־טרו־טרו —
דאָס איז אַ טראָמבעצקע;
פּיו־פּיו־פּיו, פּיו־פּיו־פּיו —
דאָס איז אַ פּײַפעלע.

פאָלקס־ליד.

שיקט דער האַר

שיקט דער האַר אַ פּויערל אין וואַלד,
אַ פּויערל אין וואַלד,
ער זאָל דאָרט באַרעלעך רײַסען.
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רײַסען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען.

שיקט דער האַר אַ הינטעלע אין וואַלד,
אַ הינטעלע אין וואַלד,
עס זאָל דעם פּויערל בײַסען.
הינטעלע וויל ניט פּויערל בײַסען,
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רײַסען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען (בּיס).

שיקט דער האַר אַ שטעקעלע אין וואַלד,
אַ שטעקעלע אין וואַלד,
עס זאָל דאָס הינטעלע שלאָגען.
שטעקעלע וויל ניט הינטעלע שלאָגען,
הינטעלע וויל ניט פּויערל בײַסען,
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רײַסען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען (בּיס).

שיקט דער האַר אַ פֿײַערל אין וואַלד,
אַ פֿײַערל אין וואַלד,
עס זאָל דאָס שטעקעלע ברענען.
פֿײַערל וויל ניט שטעקעלע ברענען,
שטעקעלע וויל ניט הינטעלע שלאָגן,
הינטעלע וויל ניט פּויערל בײַסן,
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רײַסן,
באַרעלעך ווילן ניט פֿאַלן (בּים).

שיקט דער האַר אַ וואַסערל אין וואַלד,
אַ וואַסערל אין וואַלד,
עס זאָל דאָס פֿײַערל לעשן.
וואַסערל וויל ניט פֿײַערל לעשן,
פֿײַערל וויל ניט שטעקעלע ברענען,
שטעקעלע וויל ניט הינטעלע שלאָגן,
הינטעלע וויל ניט פּויערל בײַסן,
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רײַסן,
באַרעלעך ווילן ניט פֿאַלן (בּים).

שיקט דער האַר אַן עקסעלע אין וואַלד,
אַן עקסעלע אין וואַלד,
ער זאָל דאָס וואַסערל טרינקען.
עקסעלע וויל שוין וואַסערל טרינקען,
וואַסערל וויל שוין פֿײַערל לעשן,
פֿײַערל וויל שוין שטעקעלע ברענען,
שטעקעלע וויל שוין הינטעלע שלאָגן,

הינטעלע וויל שוין פויערל בײַסען,
פויערל וויל שוין בארעלעך רײַסען,
בארעלעך ווילען שוין פאלען,
בארעלעך ווילען שוין פאלען.

פאָלקס־ליד.

וואָס איז דאָס שענסטע ?

וואָס איז דאָס שענסטע אויף דער וועלט ?
א שײנער וואלד.
וואלד פון דער וועלט, טאם־טי־דעראָם,
טאם־טי־דעראם, טאם־טי־דעראם, טאם־טי־דעראָם !

וואָס איז דאָס שענסטע אין דעם וואלד ?
א שײנער בוים.
בוים פון דעם וואלד,
וואלד פון דער וועלט א. אז. וו.

וואָס איז דאָס שענסטע אויף דעם בוים ?
א שײנער צווײַג.
צווײַג פון דעם בוים,
בוים פון דעם וואלד,
וואלד פון דער וועלט א. אז. וו.

וואָס איז דאָס שענסטע אויף דעם צווײַג ?
א גרין בלאט.
בלאט פון דעם צווײַג,
צווײַג פון דעם בוים,

בוים פון דעם וואַלד,
וואַלד פון דער וועלט א. אז. וו.

וואָס איז דאָס שענסטע אויף דעם בלאַט?
אַ שיינער עפּעל.
עפּעל פון דעם בלאַט,
בלאַט פון דעם צווייַג,
צווייַג פון דעם בוים,
בוים פון דעם וואַלד,
וואַלד פון דער וועלט, טאַם־טי־דעראַם,
טאַם־טי־דעראַם, טאַם־טי־דעראַם, טאַם־טי־דעראַם!
פאָלקס־ליד.

זיצען, זיצען זיבען קינדער

זיצען, זיצען זיבען קינדער
ביים קוואַל און ברונעם, (ביס)
זאָגט איינער צו דעם אַנדערען:
וואָלט מיין טאַטע קומען, (ביס)
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ האַז!
וואָלט איך געשפּרונגען איבער'ן גראַז,
וואָלט מיר וואויל באַקומען! (ביס)

זיצען, זיצען זיבען קינדער א. אַ. וו.
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בער,
וואָלט איך געשפּרונגען היין און הער,
וואָלט מיר וואויל באַקומען. (ביס)

זיצען, זיצען זיבען קינדער א. א. וו.
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קאַץ,
וואָלט איך געשפּרונגען איבער'ן פּלאַץ,
וואָלט מיר וואויל באַקומען. (בּיס)

זיצען, זיצען זיבען קינדער א. א. וו.
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ הון,
וואָלט איך געפלויגען אַהער און אַהין,
וואָלט מיר וואויל באַקומען. (בּיס)

פאָלקס-ליד.

קעסטעלעך

שפּילען מיר אין קעסטעלעך, קעסטעלעך,
געהט אַרויס אַ האָן.
האָן, האָן, וואָס גיסטו דערצו?
— איך גיב אַ קריי!
דער האָן זיין קריי —
שפּילען מיר ווייטער אַזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלעך, קעסטעלעך,
געהט אַרויס אַ הון.
הון, הון, וואָס גיסטו דערצו?
— איך גיב אַן איי!
דער האָן זיין קריי,
די הון איר איי —
שפּילען מיר ווייטער אַזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלעך, קעסטעלעך,
געהט אַרויס אַ גאַנז.

גאַנז, גאַנז, וואָס גיסטו דערצו?
— איך גיב אַ גאַ־גאַ־גאַ!
גאַנז גאַ־גאַ־גאַ, די הון איר אײַ,
דער האָן זײַן קרײַ —
שפּילען מיר ווײַטער אַזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלעך, קעסטעלעך,
געהט אַרויס אַן אינדיק.
אינדיק, אינדיק, וואָס גיסטו דערצו?
— איך גיב אַ האָלדער־באָלדער!
אינדיק האָלדער־באָלדער,
גאַנז גאַ־גאַ־גאַ,
די הון איר אײַ,
דער האָן זײַן קרײַ —
שפּילען מיר ווײַטער אַזוי.

פֿאָלקס־ליד.

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער,
שפּילען מיר אין זאַמד;
וואו ס׳איז אונזער וואוינונג,
דאָרט איז אונזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשען רײַסען מיר,
רויטע לאָזען מיר שטעהן;
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזען מיר געהן.

פֿאָלקס־ליד.

אַמאָל איז געווען אַ מעשה

אַמאָל איז געווען אַ מעשה.
די מעשה איז גאָר ניט פריילִיך;
די מעשה הייבט זיך אָנעט
מיט אַ אידישען מלך.
ליולינקע מײַן פייגעלע,
ליולינקע, מײַן קינד!
ליולינקע מײַן פייגעלע,
ליולינקע, ליו־ליו!

אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה,
די מלכה האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטען,
ליולינקע, מײַן קינד!

דער ווײַנגאָרטען האָט געהאַט אַ בוים,
דער בוים האָט געהאַט אַ צווײַג,
דער צווײַג האָט געהאַט אַ נעסטעלע,
ליולינקע, מײַן קינד!

דאָס נעסטעלע האָט געהאַט אַ פייגעלע,
דאָס פייגעלע האָט געהאַט אַ פליגעלע,
דאָס פליגעלע האָט געהאַט אַ פעדערל.
ליולינקע, מײַן קינד!

דער מלך איז אָפּגעשטאָרבען,
די מלכה איז געוואָרען פאַרדאָרבען,
דער בוים איז אָפּגעבראָכען,
דאָס פייגעלע פון נעסט אַנטלאָפען.

פאָלקס־ליד.

קען איך ניט פאַרשטעהן

קומט אַ פויגעל צו דער שויב
קלאַפּט ער צוויי מאָל אָן —
פויגעל שיין, דו פויגעל קליין,
וואָס זאָל איך דיר טאָן?
צוויץ־צוויץ־צוויץ און צוויץ־צוויץ־צוויץ,
און אַ וואָרט ניט מיין,
צוויץ־צוויץ־צוויץ און צוויץ־צוויץ־צוויץ,
קען איך ניט פאַרשטעהן...

קומט אַ שטורעם פון דער ווייט,
רייסט ער אויף די טיר —
שטורעם בייזער, זאָג מיר, וואָס
דו פאַרלאַנגסט פון מיר.
וואו־וואו־וואו און וואו־וואו־וואו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
וואו־וואו־וואו און וואו־וואו־וואו,
קען איך ניט פאַרשטעהן...

קום איך צו אַ וואַסערל,
הער איך, ווי עס שרייט —
וואַסער ליבעס, זאָג מיר, וואָס
דיין געשריי באַטייט?
פלו־פלו־פלו און פלו־פלו־פלו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
פלו־פלו־פלו און פלו־פלו־פלו,
קען איך ניט פאַרשטעהן...

שושקעט זיך דאָס גאַנצע פעלד,
ווען איך געה פאַרביי —
זאַנגען ליבע, זאָגט, וואָס מיינט
אייער שושקעריי?
שו־שו־שו און שו־שו־שו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
שו־שו־שו און שו־שו־שו,
קען איך ניט פאַרשטעהן...

יהואש.

צעהן ברידער

צעהן ברידער זיינען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ליין;
איינער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען ניין.
אױ! שמערעל מיט דער פידעל,
בערעל מיט'ן באַס,
שפּילט זשע מיר אַ לידעל
אויפ'ן מיטען גאַס!
אױ — אױ — אױ, אױ — אױ — אױ,
שפּילט זשע מיר אַ לידעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

ניין ברידער זיינען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט פראַכט;
איינער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען אַכט. אױ! שמערעל א. א. וו.

אַכט ברידער זײַנען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ריבען;
אײנער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען זיבען. אױ! שמערעל, א. א. וו.

זיבען ברידער זײַנען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט געבעקס;
אײנער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען זעקס. אױ! שמערעל, א. א. וו.

זעקס ברידער זײַנען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט שטרימף;
אײנער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען פינף. אױ! שמערעל, א. א. וו.

פינף ברידער זײַנען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ביר;
אײנער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען פיער. אױ! שמערעל, א. א. וו.

פיער ברידער זײַנען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט בלײַ;
אײנער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען דרײַ. אױ! שמערעל, א. א. וו.

דרײַ ברידער זײַנען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט הײ;
אײנער איז געשטאָרבען,
איז געבליבען צװײ. אױ! שמערעל, א. א. וו.

צווײַ ברידער זײַנען מיר געוועזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט בײַנער;
אײַנער איז געשטאָרבען,
בין איך געבליבען אײַנער. אױ! שמערעל, א. א. וו.

פאָלקס־ליד.

און אַז דער רבי...

אין אַז דער ר ב י געהט, (בים)
געהען דאָך אַלע ת ל מ י ד י ם.

און אַז דער ר ב י שטעהט, (בים)
שטעהען דאָך אַלע ת ל מ י ד י ם.

און אַז דער ר ב י לויפט, (בים)
לויפען דאָך אַלע ת ל מ י ד י ם.

און אַז דער ר ב י שווײַגט, (בים)
שווײַגען דאָך אַלע ת ל מ י ד י ם.
א. אַז. וו., א. אַז. וו.

פאָלקס־ליד.

אַ רעטעניש

דו מיידעלע, דו שיינס, דו מיידעלע, דו פיינס,
כ'וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ פיינס:
וואָס איז העכער פאַר אַ הויז,
און וואָס איז פלינקער פאַר אַ מויז?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
דער רויך איז העכער פאַר אַ הויז,
אַ קאַץ איז פלינקער פאַר אַ מויז.

דו מיידעלע, דו שיינס, דו מיידעלע, דו פיינס,
כ'וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ פיינס:
וואָס איז טיפער פאַר אַ קוואַל,
און וואָס איז ביטערער ווי גאַל?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
די תורה איז טיפער פאַר אַ קוואַל,
דער טויט איז ביטערער ווי גאַל.

דו מיידעלע, דו שיינס, דו מיידעלע, דו פיינס,
כ'וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ פיינס:
וואָס פאַר אַ וואַסער איז אָהן אַ זאַמד,
און וואָס פאַר אַ מלך איז אָהן אַ לאַנד?

דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ!
דאָס וואַסער פון אויג איז אָהן אַ זאַמד,
דער מלך פון קאָרטען איז אָהן אַ לאַנד.

דו מײדעלע, דו שײנס, דו מײדעלע, דו פײנס,
כ'וועל דיך עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ פײנס:
וואָסער מילנער איז אָהן אַ מיל,
און וואָסער לעפעל איז אָהן אַ שטיל?

דו נאַרישער ב ח ו ר, דו נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קײן ש כ ל אין דײן קאָפּ!
אַן אָפּגעברענטער מילנער איז אָהן אַ מיל,
אַן אָפּגעבראָכענער לעפעל איז אָהן אַ שטיל.

פאָלקס־ליד.

אַ מאַרש־ליד

גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר?
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
ס'איז דאָך גוט צו געהן שפּאַצירען!
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
נישט שפּאַצירען און נישט לויפען
איבער גערטנער, איבער הויפען —
איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַלײן!

גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר?
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
ס'בליהט אין דרויסען דאָך דער פרילינג!
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
נישט קײן פרילינג, נאָר געשלאָפען,
נישט געהוליעט, נישט געלאָפען —

איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַלײן!

גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר?
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
זעהט, אין דרויסען גלאַנצט דער זומער!
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
נישט פון פרילינג וואָס געניסען
און פון זומער אויך נישט וויסען —
איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַלײן!

גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר?
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
זעהט, דער סאָד איז פול מיט פ ר ו ת!
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
ס'קאָן דער הערבסט זײ נאָך צעטרעטען,
און איר לאָזט זיך אַלץ נאָך בעטען —
איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַלײן!

גוואַלד זשע, קינדער, וואָס שלאָפט איר?
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
הערט, עס סקריפּעט שוין דער ווינטער!
אײנס־צװײ, אײנס־צװײ! (בים)
ער שענקט אונז ליכט און שענקט אונז בלומען,
און איר ווילט צו אים נישט קומען —
איז וואָס טויגט איר, איז וואָס טויגט איר,
זאָגט, זאָגט אַלײן!

ד. טשאַרני.

אַז איך וועל פאָרען

אייִדער מיר זיינען געפאָרען
איבער י מ׳ען אויף אַ שיף,
האָבען מיר געוואוינט אין שטעטעל,
וואו עס איז די בלאָטע טיף. (בים)

פליעגט דער זיידע דאַרפען פאָרען
איבער דערפער זעהר וויים,
פלעגט ער ס׳ווייסע פערדעל שפאַנען,
און געלאָפען איז די צייט. (בים)

אַז דער טאַטע דאַרף איצט פאָרען,
שפאַנט ער איין אַ זייל מיט רויך;
און אַז איך וועל דאַרפען פאָרען,
וועל איך פליהען אין דער הייך. (בים)

ל. קאַפּילאָוויטש.

II. נאטור-לידער

דאָס זריעה-קערנדעל

אַך, פינסטער איז מיר,
ענג איז מיר דאָ!
קײַן טויער, קײַן טיר,
קײַן פענסטער ניטאָ —
איך ליג דאָ אין שרויב און אין שימעל.

עס מוז זײַן אַ סוף,
עס וועט זײַן אַ סוף
צום פראָסט און צום שטורעם,
צום פינסטערען שלאָף!
דער פרילינג, דער פרילינג וועט קומען

מיט ליכט און מיט וואַרימקײַט,
פרייד און געזאַנג;
און פרײליך וועט שפּראָצען
מײַן גאָלדענער זאַנג
צווישען די גראָז און די בלומען!...

ש. פרוג.

אַ רעגענדעל

טריפט אַ רעגענדעל,
טריפט אַ רעגענדעל:
קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ!
אין די שייַבעלעך,
אין די דעכעלעך:
קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ!

און די פייגעלעך
מיט די הינדעלעך:
ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ!
צו די סטרעכעלעך,
צו די ביימעלעך
היפּ, היפּ, היפּ, היפּ, היפּ!

נאָר די קינדערלעך,
אויפ'ן רעגענדעל:
האָפּ, האָפּ, האָפּ, האָפּ!
אין דעם לויטערען
קלאָרען וואַסערל:
שליאָפּ, שליאָפּ, שליאָפּ, שליאָפּ!

אוים דאָס רעגענדעל,
שיינט דאָס זונעלע:
שיין, שיין!
נאָר די קינדערלעך
אַלץ אין וואַסערל:
פיין, פיין!

נ. גאָרעליק.

קאָרן־שוועסטערלעך

קענט איר, קינדערלעך,
די קאָרן־שוועסטערלעך?
זיי זיינען בלימעלעך
אין פרייען פעלד:
פאַראַנען בלויאינקע,
פאַראַנען רויטינקע,
פאַראַן אויך געלינקע,
ווי אייך געפעלט.
זיי וואַקסען טויזענטער
אין אַלע ווינקעלעך,
וואו די זאַנגען וויגען זיך,
און ת ב ו א ה בליהט;
גאַנץ פעלד באַקרוינען זיי,
זיין ברויט באַשיינען זיי,
און בליהען לוסטיגע,
פון זון געהיט.

די ערשטע, ווייסט איר דאָך,
זיי זיינען בלויאינקע,
מען רופט זיי „בלימעלעך
פון קאָרן" דאָ;
און ווען דער זאַנג צערייסט
זיין גרינע העמדעלע,
דאַן ווערט דאָס פעלד פון זיי
אינגאַנצען בלוי:
פול בלויע קעפעלעך
פון גוטע שוועסטערלעך,

וואָס נייִגען, גריסען זיך
צו יעדען זאַנג,
און ווינשען שטילערהייִם
אים וואָכען ליכטיגע
און רעגענס זעטיגע
זייַן זומער לאַנג.

ד. איינהאָרן.

הערבסט-ליד

עס פלאַטערן בלעטער,
און פליגעלעך זשומען;
אַך, פריהער צי שפּעטער
דער הערבסט מוז דאָך קומען!

אַך, פריהער צי שפּעטער
עס וועט אונז פאַרדאַרבען
דער הערבסטיגער וועטער,
און אַלצדינג וועט שטאַרבען.

אוים פויגעלשע טרעלען,
אוים בלומען און גראָזען,
און הערבסט-ווינטען וועלען
דעם זומער צעבלאָזען.

פון אַלע פיער זייַטען
דער רעגען וועט שמייַסען,
ביז קומען צורייַטען
וועט דער ווינטער אין ווייַסען.

ד. טשאַרני.

##ווינטער־ליד

אַלע דעכעלעך — ווײַס,
און דער טײַך איז פֿול אײַז,
און די שנײעלעך טאַנצען און שוועבען.
טוט די גליטשאײַזענס אָן,
און מיר הײבען גלײַך אָן
זיך צו גליטשען (מיט שמחה און שוועבען). (ביס)

אײ, דו, חבר ה־מאַן, הער,
גיב דאָס שליטעל אַהער,
און מיר שליטלען זיך לעבעדיג־מונטער,
און מיר פֿליהען גאַלאָפּ!
און פֿאַלט אײנער אַראָפּ,
שטעהט ער אויף באַלד (צוריק אַ געזונטער). (ביס)

...בער ווארט, קינדער, יעצט
קומט דאָס בעסטע צולעצט:
ס׳זײַנען קוילען פֿון שנײ אויסגעקנאָטען;
ס׳איז אַ טײַערע שפּיל —
זיך צו צילען אין ציל
און טרעפֿען (אין נעזעל געראָטען!) (ביס)

ד. טשאַרני.

דאָס פרײליכע װינטער־ליד

דער װינטער איז געקומען,
דער שנײ פליהט און פליהט,
מיר זיצען אין צימער
און זינגען אַ ליד. (בּיס)

אַ ליד און אַ שפּיל
און אַ טענצעל דערבּײַ —
מיר פרײען זיך אַלע,
װי ס׳װאָלט געװען מאַי. (בּיס).

ס׳מעג שנײען און דרײען
אָהן אױפהער אין גאַס,
דער װינטער װעט זײַן אונז
אַ טײַערער גאַסט. (בּיס)

ד. טשאַדני.

אַ גרוס

איבער פעלדער פליהט מײַן ליד,
און דאָס האַרץ העלפט זינגען.
זאָל דאָס ליד ניט װערען מיד
און אָהן אױפהער קלינגען!

פאַר דעם פרילינג קלינגט מײַן ש י ר,
יעדער הערען זאָל אים.
און דער רױז זאָל ער פון מיר
אָפּגעבּען אַ „ש ל ו ם“.

מ. רײװעסמאַן.

פרילינג

אָ, פרײַ זיך, וויסטער אינזעל,
קוועלט אָן, איר וואַלד און פעלד!
דער פרילינג מיט זײַן פענזעל
באַמאָלט די גאַנצע וועלט.

דער שטורעם ווערט אַנטשוויגען,
און עס פאַרשווינדט די קעלט;
דער פרילינג מיט זײַן נ י ג ו ן
באַזינגט די גאַנצע וועלט...

פון פרייד די הימלען שאַלען;
קײַן וואָלקען מער פאַרשטעלט;
דער פרילינג מיט זײַנע שטראַלען
באַשפריצט די גאַנצע וועלט.

עס ווערט די ברוסט געראַמער,
עס דריקט און ס'פײַנט ניט מער.
דער פרילינג, ווי אַ מאַמע,
ווישט אויס פון אויג די טרער.

דער שטורעם ווערט אַנטשוויגען,
און עס פאַרשווינדט די קעלט;
דער פרילינג מיט זײַן נ י ג ו ן
באַזינגט די גאַנצע וועלט...

עס ווערט די ברוסט געראַמער,
עס דריקט און ס'פײַנט ניט מער.
דער פרילינג, ווי אַ מאַמע,
ווישט אויס פון אויג די טרער.

י. ב. ביילין.

שוואַלבען, שוואַלבען!

שוואַלבען, שוואַלבען, קומט צופליהען!
וואַלד און פעלד שוין ווילען בליהען,
בלאַט און בלימעל, בליט און בוים
קענען זיך דערוואַרטען קוים.

שוואַלבען, שוואַלבען, קומט געשווינט!
דען דאָס בלייך־פאַרבענקטע קינד
ציהט זיך פון דער מאַמעס שויס
צו דער פרייער גאַס אַרויס.

שוואַלבען, שוואַלבען, ניט גענאַרט!
דען דער ח ו ל ה האָפט און וואַרט,
קוקט פאַרבענקט אויף אייך אַרויס
און דאָס ח י ו ת געהט אים אויס.

שוואַלבען, שוואַלבען, קומט צופליהען!
זאָלען וואַלד און פעלד שוין בליהען!
קומט פון נאָהענט, קומט פון ווייט,
קומט, ניט ווילט אומזיסט די צייט!

ה. רויזענבלאַט.

געפאַנגען

דער פרילינג געקומען, דער שניי איז צעגאַנגען, —
זיצט אין אַ שטייגעל אַ פויגעל געפאַנגען.

עס קלינגט אויף די פעלדער דעם שניטערס געזאַנגען,
זיצט אין אַ שטייגעל אַ פויגעל געפאַנגען.

דער טאָג איז אַוועק, די זון איז פאַרגאַנגען, —
זיצט אין אַ שטײַגעל אַ פויגעל געפאַנגען.

די נאַכט איז געקומען, די פענסטער פאַרהאַנגען, —
זיצט אין אַ שטײַגעל אַ פויגעל געפאַנגען.

פ. הירשביין.

דער פרילינג רופט

קינדער, קומט! דער פרילינג רופט.
בלוי דער הימעל, קלאָר די לופט,
ס׳שמעקען זים די פרישע בלומען,
און די טײַכלעך פריִליך ברומען.
לויפט אין פרײַען פעלד!
הערט, די פויגעלעך זינגען,
פליהען הויך און קלינגען,
העלפט זיי, קינדער, שפרינגען...
ליכטיג איז גאָטס וועלט.

קינדער! איצט איז אײַער צײַט;
ס׳איז דער הערבסט שוין גאָר ניט ווײַט,
ער מאַכט געל די גרינע בלעטער,
ער ברענגט אונז אַ שלעכטען וועטער,
רעגען אָהן אַ סוף.
קינדער! אײַלט זיך אונטער,
זײַט זשע פריִליך, מונטער,
ווײַל דער לאַנגער ווינטער
וואַרפט אויף אַלץ אַ שלאָף.

מ. ריוועסמאַן.

די פעלד־בלומען

עס קלינגט דאָס מאַי־גלעקעל אין טאָל
און רופט צונויף די פריינד;
און יעדע שמעקעדיגע בלום
וויל זינגען, טאַנצען היינט. (בים)
פון אַלע פאַרבען זיינען דאָ
די בלימעלעך אין פעלד:
ווייס, רויט און גרין, און געל, און בלאָה —
אַ לעבעדיגע וועלט! (בים)
דאָס מאַי־גלעקעל שפּילט אויף אַ טאַנץ, —
מען טאַנצט זיך זעהר פיין;
און די לבנה קוקט און קוועלט
און שיקט איר זילבער־שיין.

אין כעס ווערט דער בייזער פראָסט
און לאָזט זיך געהן אין טאָל!
די בלומען טאַנצען שוין ניט מער,
מען הערט ניט זייער קול! (3 מאָל)
נאָר אָט איז שוין דער פראָסט אוועק,
דאָס מאַי־גלעקעל רופט גיך,
רופט אויף אַ פרילינג־באַל אין טאָל
די בלימעלעך צו זיך. (בים)
עס קומט דער פרילינג — און מיך ציהט
פון שטוב אין גרינעם וואַלד.
די בלומען זינגען, טאַנצען דאָרט —
איך טאַנץ מיט זיי שוין באַלד! (בים)

מ. ריוועסמאַן.

אַן אָוועגט־ליד

דער אָוועגט קומט צוגעהן, דער שטילער,
עס בלאָזט אַ ווינטעלע אַ קילער,
די זון געהט אונטער, גליהענד־רייך,
און בלאַסער ווערט דער שטילער טייך. (ביס)

דאָרט וויַיטער דרעמלען שטיל די וועלדער,
אַ טוי באַדעקט די ברייטע פעלדער,
פאַרצויגען אַלץ, ווי מיט אַ רויך.
עס ציהט צום וואַלד, צום פעלד אונז אויך. (ביס)

עס אָטעמט זיך אין אָוועגט בעסער,
די וועלט זעהט אויסעט פריַיער, גרעסער,
דאָס הארץ אין פריידען זינגט אַ ש י ר,
דעם גרויסען גאָט הויך לויבען מיר! (ביס.)

מ. ריוועסמאַן.

דער וואַלד

אַן שטעהט דער וואַלד דער אַלטער,
פונקט ווי אַ שטאַרקער העלד.
ער רוישט מיט זייַנע ביימער
פון מענשענס אויג פאַרשטעלט.

ער האָט זיך ברייט צעוואָרפען
און וויים ניט פון קיין שרעק;
פאַרשפרייט האָט זיך דער הימעל
אויף אים גאָר אָהן אַ ברעג.

און ער דערציילט אונז מעשות
פון פרילינגס שיינער פראַכט;
מיר הערען אים, פאַרוואונדערט,
פאַרצויבערט און פאַרטראַכט.

ניט ווילענדיג פאַרגעסט מען
די אומעטיגע וועלט,
און ס'ווילט זיך זיין וואָס מערער
מיט אים אין זיין געצעלט...

מ. ריוועסמאַן.

דאָס געזעגנען זיך מיט'ן וואַלד

ווער האָט דיך, אָ, אַלטער וואַלד,
אויף די הויכע בערג צעוואָרפען?
זאָל דערפאַר מיין שבח קלינגען
ביז צום בלאָהען הימעל באַלד.
כ'זעגען זיך, כ'זעגען זיך
אָפּ מיט דיר, אָפּ מיט דיר;
זיי געזונט, זיי געזונט!

כ'זעגען זיך אָפּ מיט דיר, אָ, אַלטער וואַלד!
ס'שלאָפט אַלץ שטיל אין טיפען טאָל;
איף די בערג דאָרט שפּרינגען הירשען.
מיר פאַרלאָזען אונזער היים באַלד,
פ'שרייט דער האָרן... כ'הער זיין קול.
כ'זעגען זיך א. אַ. וו.

מ. ריוועסמאַן.

צו דעם זילבער־קלאָרען טייכעל

צו דעם זילבער־קלאָרען טײַכעל
שעפּען וואַסער געהען מיר.
פולע קריג מיט קאַלטען וואַסער
ברענגען מיר אַהיים צוריק.
טאָג און נאַכט ברומט אונזער טײַכעל,
קושט דעם שטיינערדיגען ברעג,
ס׳שווימען פישעלעך באַגולטע,
האַלטען פריילי‌ך זייער וועג! א...

ס׳שווימען פישעלעך באַגולטע —
ס׳וויים ניט יעדער זייער אָרט:
יענעם, וועלכער עס געפעלט זיי,
זאָגען זיי אַ פרײַנדליך וואָרט.
און זיי רופען, און זיי ציהען
אין דעם זילבער־קלאָרען שײַן.
ווער ס׳איז דאָרט איין מאָל געוועזען,
וויל מיט זיי אויף אייביג זײַן!

מ. ריזועסמאן.

הערבסט־ליד

גליקליכע טעג, איר זײַט גיך פאַרשוואונדען!
ס׳קומט נאָך דעם פרילינג דער ווינטער צוריק.
יוגענד און פרייד! איר ווערט גיך פאַרלאָרען.
צ ע ר און אומעט פאַרשטערט אונזער גליק.

ס׳ווערען די פייגעלעך אויך שוין פארפאלען,
אנדערש־וואו זוכען זיי ווארימע שטראלען,
ס׳איז אויף דעם פעלד שוין ניטא מער קיין בלום,
ס׳איז אויף דעם פעלד שוין ניטא קיין בלום.
אומעטיג, עלענד, ארום, ארום.

ס׳איז אויף דעם פעלד שוין ניטא מער קיין בלום,
אומעטיג, עלענד, ארום, ארום!
יוגענד און פרייד! איר ווערט גיך פארלארען;
צ ע ר און אומעט פארשטערט אונזער גליק!
ווי גיך, א, ווי גיך! (3 מאל)
פלוצלונג — אי וויי!

מ. ריוועסמאן.

הערבסט

טרויעריגע בילדער! וואלקענס אהן א ש י ע ז ר;
נאכאנאנד דער רעגען, טייכעלעך ביים טיר.

א פארדארטעס ביימעל שאקעלט זיך א שרעק!
ס׳קוקט דאס גאנצע שטעטעל ווי א גראהער פלעק...

וואס ביסטו געקומען, הערבסט, גאר אומגעריכט?
ס׳וויל דאס הארץ נאך האבען ווארימקייט און ליכט.

קיינער ניט צופרידען איז מיט דיין באזוך;
פאר דעם ארימען מענשען ביסטו גאר א פלוך.

שוין באצייטענס פילט ער גאר דיין בייזע מאכט,
ווי פאר קעלט די קינדער ציטערן ביינאכט.

נישט קײַן האַלץ אין אויוועןֿ, אָהן אַ קלײַיד דער גוף.
וואָס האָסטו געאײַלט זיך, הערבסט, אויף וועמעס
רוף?

זעהסט—דער בלײַכער, קראַנקער אײַנגעהאָרבעט
שמיעהט?
ווי האָט אים דער זומער פריש געמאַכט, געפרײַט!

און אַצינד—דאָס רוישען פון די בלעטער געל
טרײַבען אָן אַן אומעט אויף זײַן קראַנקער זעל.

פריה געקומען ביסטו, הערבסט, צו גאַסט אהער;
פיעלע וועלען זומער ניט דערוואַרטען מער.

א. רייזען.

דער ווינטער

אוי, העלפט מיר, קינדער, אונטער,
קײַן כוחות איז נישטאָ.
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ.
דער ווינטער! (בים)

ער פרעגט קײַנעם קײַן דעות,
ער קומט ווי צו זיך אַהײַם,
מיט דער ווײַסער באָרד און פאות,
מיט דער ווײַסער, גרויסער ברעם.
דער ווינטער! (בים)

דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד,
מיט זיך אַ בעזים טראָגט ער
און קערט, און קערט, און קערט.
דער ווינטער! (בים)

מיט שניי געבעט די פעלדער,
פאַרפרוירען שטעהט דער וואַלד.
די פעלדער און די וועלדער
זיי ברומען: קאַלט... ס'איז קאַלט!
דער ווינטער! (בים)

מ. וואַרשאַווסקי.

אַ ווינטער־ליד

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטען,
פריי באַהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגען, וואַרפט די ביימער,
טוט, וואָס אייך געפעלט!

טרייבט די פויגעל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט.
די וואָס קענען ווייט ניט פליהען,
טייט זיי אויפ'ן אָרט!

רייסט די לאָדען פון די היזלעך,
שויבען ברעכט אַרויס!
ברענט אַ ליכטעל ערגעץ טונקעל, —
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט, בײזע װינטען,
איצט איז אײער צײַט!
לאַנג װעט דױערן דער װינטער,
זומער איז נאָך װײַט!...

א. רײזען.

די נאַכט

די נאַכט, זי קומט בײַנאַכט צו מיר
שטילער־שטיל, זי זוכט די טיר.
— עפען אויף, איך קום נאָך רוה!
ניט װעק דעם טרויער בײַ מײַן טיר.

דרויסען קלאַפּען שװערע טריט,
גראָז און בײמער שלאָפען ניט.
באַרג און שטערען װאַכען איצט.
דורך מײַן האַרצען טרויער ציהט. (ביס)

שטילער, שטילער, גראָז און בױם,
אין מײַן האַרצען — שאַ און שטיל,
זעהט די נאַכט אַ זיסען טרױם.
שטילער, שטילער, גראָז און בױם!

אין מײַן האַרצען װײנט די װעלט.
אַליו־ליו־ליו, שלאָף אײַן, װעלט!
אַליו־ליו־ליו, שלאָף און רוה.
עס בענקט אַזוי מײַן האַרץ נאָך רוה.

אַליו־ליו־ליו,, שלאָף איַין, וועלט !
אַליו־ליו־ליו, שלאָף איַין, האַרץ !
אַליו־ליו־ליו, שלאָף אַין רוה.
אַליו־ליו־ליו, ליו־ליו־ליו.

פ. הירשביין.

III. ימים־טובים־לידער

אָט איז דער יום־טוב שוין געקומען

אָט איז דער י ו ם ־ ט ו ב שוין געקומען,
פון רויזען פלעכט אויסעט אַ קראַנץ און טוט אָן.
זינגען און טאַנצען
דאַרפט איר צוזאַמען, (בים)
פאַרגעסט אַלע ד א ג ו ת ל כ ב ו ד דעם טאָג.
קומט, אינגלעך און מיידלעך,
און אַלע טאַנצען געהט!
וואו יוגענד — דאָרט איז פריילעך,
דאָרט לעבט שטענדיג פרייד! (בים)

ליכטיג די זון שיינט, קוקט הויך פון הימעל,
איר זעהט, מיט אַ שמייכעל
קוקט זי אויף דער ערד.
ס'דוכט זיך, באַשיינען וויל זי דעם י ו ם ־ ט ו ב,
און אַלץ מאַכט זי ליכטיג,
אַלט אומעטום!
קומט, אינגלעך און מיידלעך,
און אַלע טאַנצען געהט!
וואו יוגענד — דאָרט איז פריילעך;
דאָרט לעבט שטענדיג פרייד! (בים)

מ. ריוועסמאַן.

פיער גילדען אויף שבת

גוט מאָרגען דיר, מײַן װײַב, מײַן טײַער לעבען,
אַ בשורה טובה האָב איך פאַר דיר.
אָ, גיב צו גאָט אַ לויב, ער'ט אונז געגעבען
אויף שבת שירה גילדען פיער.
טאָ לויף זשע גיך אין מאַרק אַרײַן,
און קויף אויף שבת אַלצדינג אײַן:
פיש און פלײש און מערענצימעס אויך דערצו,
און דערצו נאָך ניט פאַרגעסען,
אַז אַן אורח דאַרף אויך עסען.
און אַ פלאָדען אויף ברכה דאַרף מען אויך.
— אַ פלאָדען אויך ?!
ניטאָ קײן מעל, ניטאָ קײן הײוועז,
ניטאָ קײן פוטער און קײן זאַלץ;
און דערצו אַ קאַלטער אויוועז,
און ניטאָ קײן ברעקעל האָלץ.
געה באַק אים אַ פלאָדען!

אָ, צביה, מײַן װײַב, מײַן טײַער לעבען,
דעם שבת־שירה ניט פאַרשטעהר;
האָב אין גאָט בטחון, װעט ער אונז געבען
אויף אַן אַנדער שבת מער.
און אַז דו קענסט קײן פלאָדען מאַכען,
װײַל דיר פעלט די אַלע זאַכען,
מעל און פוטער, מילך און אײער,
און ראָזשינקעס אויך —
טאָ מאַך זשע גאָר אַ פלוימען־צימעס;
זאָל עס טאַקע זײַן בנעימות,

און אַז ניט, טאָ מאַך זשע קרעפּלעך...
— און קרעפּלעך אויך ?!
ניטאָ קיין לונגען און קיין פלייש,
ניטאָ קיין מעל און קיין שמאַלץ,
און אַן א ו ר ח מיט אַ מאָגען,
וואָס קאָן פאַר דרייען אויך פּאַרטראַגען...
אָ, קרעפּלעך זאָלסטו עסען!

ס. גאָלוב.

חנוכה

„ב ר ו ך א ת ה“ — זינגט דער טאַטע,
און ער צינדט די ליכט;
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

פון זיי שטראַלען מילדע פלאַמען
אויף זיין בלאַס געזיכט.
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

און אַ פייער, הייליג, טייער,
אין די אויגען לייכט;
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

און דער מידער מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלייכט.
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

און עס טראַכט זיך, און עס דאַכט זיך:
ס'איז נאָך עפּעס דאָ.
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

ס'איז געבליבען, וואָס צו ליבען,
הײַליג איז די ש ע ה.
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

אַלטע קלאַנגען, לאַנג פאַרגאַנגען —
נײַין, עס קלינגט נאָך צינד.
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

זאָג נאָך, טאַטע: „ב ר ו ך א ת ה",
איך פאַרבלײַב דײַן קינד.
ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה, ח נ ו כ ה! (בים)

א. רייזען.

חנוכה-ליכט

אָ, איר קלײַנע ליכטעלעך!
איר דערצײַילט געשיכטעלעך,
מ ע ש ה'לעך אָהן צאָל;
איר דערצײַילט פון בלוטיגקייט,
ב ר י ה'שאַפט און מוטיגקײַט
וואונדער פון אַמאָל.

ווען איך זעה אײַך שמינקלענדיג,
קומט אַ ח ל ו ם פינקלענדיג,
רעדט אַן אַלטער טרוים:
„איד! דו האָסט געקריגט אַמאָל,
איד! דו האָסט געזיגט אַמאָל." —
גאָט! דאָס גלויבט זיך קוים...

„ס'איז בײַ דיר אַ טאָלק געווען,
ביסט אַמאָל אַ פאָלק געווען,
האָסט אַמאָל רעגירט;
האָסט אַמאָל אַ לאַנד געהאַט,
האָסט אַמאָל אַ האַנט געהאַט!"
אַך, ווי טיף דאָס רירט!

אָ, איר קלײנע ליכטעלעך!
אײַערע געשיכטעלעך
וועקען אויף מײַן פּײַן:
טיף אין האַרץ באַוועגט עס זיך,
און מיט טרערן פרעגט עס זיך:
וואָס וועט איצטער זײַן?

מ. ראָזענפעלד.

פורים

הײַנט איז פ ו ר י ם, ברידער,
ס'איז דער י ו ם - ט ו ב גרויס!
לאָמיר זינגען לידער,
געהן פון הויז צו הויז...
לאַך, מ ר ד כ י'לע, לאַך,
אַ י ו ם - ט ו ב'ל מאַך!
קינדס-קינדער געדענקען דעם נ ס...
זינגט, ברידערלעך, זינגט,
טאַנצט פריילעך און שפּרינגט,
דעם טײַערן טאָג ניט פאַרגעסט.

הײַנט איז פ ו ר י ם, א. אז. וו. נאָכאמאָל.

מ. ריוועסמאַן.

שלח־מנות

אײַגלעך בליץ און בעקלעך פלאָם,
דאָס היטעל אויף אַ זײַט,
לויפט קלײנ־ם שׂ ה׳ל ע אַהײם,
י ו ם ־ ט ו ב׳ד י ג פאַרשמײַט.

ער האָט ש ל ח ־ מ נ ו ת אײַנגעקויפט:
צוויי צוקערלעך מיט בערד,
טײַבעלעך מיט פײגעלעך,
אַ פישעל און אַ פערד.
גוט־פּ ו ר י ם, גוט־פּ ו ר י ם, גוט־פּ ו ר י ם! (בים)

פלוצלונג — ערשט פיץ־ח י י מ׳ל
די טיר האָט אויפגעמאַכט:
„אַ גוט־פּ ו ר י ם, מ ש ה׳ל ע!
ש ל ח ־ מ נ ו ת דיר געבראַכט!“

— „ח י י מ׳ל, מײַן ח ב ר׳ל,
איך האָב אַ פיש פאַר דיר;
איך גיב דיר אויך די פײגעלעך,
נאָר ס׳פערדעל לאָז איך מיר“.
גוט־פּ ו ר י ם, גוט־פּ ו ר י ם, גוט־פּ ו ר י ם! (בים)

א. ראָזעט.

אַ פּ ו ר י ם ־ ליד

קום איך אַרײַן צו שפּרינגען
אויף אַ פיסעלע לויז,
הײב איך אָן צו זינגען:
דער ד ל ו ת איז מיר גרויס.

זינגען מיר, לויבען מיר:
ש ו ש נ ת   י ע ק ב,
זינגען מיר, לויבען מיר:
ש ו ש נ ת   י ע ק ב!

ה מ ן   איז געוועזן שולדיג
א ח ש ו ר ו ש'ן   אַ   ח ו ב,
האָט ער אים געזאָגט:
די   ת ל י ה   איז אויפ'ן הויף.
זינגען מיר א. אַ. וו.

פאַרפלוכט זאָל ווערען   ה מ ן,
וואָס איז געוועזן דער ערגסטער;
געבענשט זאָל ווערען   מ ר ד כ י,
וואָס איז געוועזן דער בעסטער;
געבענשט זאָל זײַן די   מ ל כ ה,
וואָס האָט געהײיסען   א ס ת ר.
זינגען מיר א. אַ. וו.

פאָלקס־ליד.

שבועות

ש ב ו ע ו ת, ליבע קינדערלעך,
ש ב ו ע ו ת   איז געקומען!
באַפלאָכטען מיט גירליאַנדעס גרינס,
באַקרענצט מיט פרישע בלומען.

ס'געהט זומער־לעב... עס שײַנט און קלינגט
אין וואַלד, אין פעלד, אין גאָרטען;

ס׳פליהען, פליהען פֿייגעלעך
און זינגען שירה דאָרטען.

דער ליבער גרינער יום־טוב געהט —
דער ליבער גרינער יום־טוב. (בים)

ש. פרוג.

אין סוכה

אַ סוכה אַ קליינע
פון ברעטלעך געמיינע
האָב איך קוים מיט צרות געמאַכט.
געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך,
און איך זיץ דאָ סוכות ביינאַכט. (בים)

פון ווינט דעם קאַלטען,
וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטען,
מיין ליכטעלע לעשען זיך וויל;
דאָ מאַך איך מיר קידוש,
און זעהט נאָר אַ חידוש:
מיין ליכטעל ברענט רוהיג און שטיל. (בים)

א. רייזען.

שמחת־תורה

קינדער, מיר האָבען שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תורה איז די בעסטע סחורה —

אזוי האָט דער ר ב י מיט אונז געקנעלט.
אוי וויי! אוי־אוי־אוי!
פרייליך, קינדער, אָט אזוי!
רענדלעך שיטען זיך פון די זעק!
פרייליך — אָהן אַן עק!

כאָטש איך בין מיר אַן אָרים אידעל,
און עס דאַרט מיר גוט דער מ ו ח,
ש מ ח ת ־ ת ו ר ה זינג איך אַ לידעל
און מאַך אַ גוטע כ ו ס׳ע אויך!
אוי וויי א. אַ. וו.

ד ב ו ר ה, גיב מיר די נייע קאַפּאָטע,
איך וועל זי אָנטאָן טאַקע אצינד.
איך וועל דיר זאָגען, אַלצדינג איז בלאָטע,
אבי מען איז ב ר ו ך ־ ה ש ם געזונט!
אוי וויי א. אַ. וו.

וואו איז בערעל, און וואו איז דוואָסיע?
רוף זיי אַלע אין שטוב אַריין!
די מומע סאָסיע, דעם פעטער יאָסיע —
זאָלען זיי אַלע פרייליך זיין!
אוי וויי א. אַ. וו.

אוי וויי, ד ב ו ר ה, וואָס האָסטו מ ו ר א,
כ׳בין אַ ביסעל פרייליך, כ׳קען ניט שטעהן?
ד ב ו ר ה ־לעבען, אום ש מ ח ת ־ ת ו ר ה
ווער איז ניט פרייליך? זאָג אַליין!
אוי וויי א. אַ. וו.

מ. וואַרשאַווסקי.

IV. לידער פון אַרבייט

בעל־מלאכה

ווער עס וויל אַ גוטער ב ע ל ־ מ ל א כ ה זיין,
יענער זאָל צו אונז גלייך, גלייך אַריין!
טשיר־טשיר־טשיר, טשיר־טשיר־טשיר —
שניידער, ניי אַ קלייד פאַר מיר. (בּיס)
שניידער, אָ, שניידער!

ווער עס וויל אַ גוטער א. אַז. וו.
ציש־ציש־ציש, ציש־ציש־ציש —
סטאָליער, הובליע גלייך דעם טיש! (בּיס)
סטאָליער, אָ, סטאָליער!

ווער עס וויל אַ גוטער א. אַז. וו.
טונק נאָר איין, טונק נאָר איין —
פאַרבער, מאָל די ווענטלעך פיין! (בּיס)
פאַרבער, אָ, פאַרבער!

ווער עס וויל אַ גוטער א. אַז. וו.
באָם־באָם־באָם, באָם־באָם־באָם —
באָנדער, שלאָג די רייפען אָן! (בּיס)
באָנדער, אָ, באָנדער!

אַ וואַש־ליד

מיר וואַשען, מיר וואַשען,
מיר וואַשען, וואַשען, וואַשען, וואַשען, וואַשען
וואַשען, (גאַנצע טעג) (בים)
זעהט אונזערע הענטלעך,
צי זײַנען זײ מיד,
מיר ענדיגען די אַרבײַט
און זינגען אַ ליד.

מיר דרײען, מיר דרײען,
מיר דרײען, דרײען, דרײען, דרײען, דרײען,
דרײען, (גאַנצע טעג) (בים)
זעהט אונזערע הענטלעך א. אַז. וו.

מיר הענגען מיר הענגען א. אַז. וו.

מיר פּרעסען, מיר פּרעסען א. אַז. וו.

מיר טראָגען, מיר טראָגען א. אַז. וו.

מיר רוהען, מיר רוהען א. אַז. וו.

ד. טשאַרני.

בין איך מיר אַ שניידערל

בין איך מיר אַ שנײַדערל,
אַ נאָדעל קען איך ניט האַלטען אין האַנט!
שטעל איך מיר אַרוים אַ שילד.
אַז איך פּרעס געוואַנט.

פרעגט, וואָס קען איך?
טידיל — דידיל — דאָם!
אַז איך פרעס פאַרברען איך!
טידיל — דידיל — דאָם!
האָט ניט קיין פאַראיבעל,
האָט ניט קיין פאַראיבעל.
טידיל — דידיל — דידיל — דידיל — דאָם.

פאָלקס־ליד.

וואָלט איך געווען

וואָלט איך געווען אַ ש ו ח ט,
האָב איך ניט קיין ח ל ף;
וואָלט איך געווען אַ מ ל מ ד,
קען איך ניט קיין א ל ף.

און די רעדער דרייען ניט,
און די פערדלעך געהען ניט,
און קיין היי האָב איך ניט,
און קיין האָבער האָב איך ניט,
זעה איך מיר אַ שטיין,
זעץ איך זיך און וויין!

וואָלט איך געווען אַ ח ז ן,
האָב איך ניט קיין ק ו ל;
וואָלט איך געווען אַ שוסטער,
האָב איך ניט קיין אָל.
און די רעדער א. אַ. וו.

וואָלט איך געווען אַ ס ו ח ר,
האָב איך ניט קיין ס ח ו ר ה;
וואָלט איך געווען אַ ר ב,
קען איך ניט קיין ת ו ר ה.
און די רעדער א. אַ. וו.

וואָלט איך געווען אַ שניידער,
האָב איך ניט קיין שער;
וואָלט איך געווען אַ ציגיינער,
האָב איך ניט קיין בער.
און די רעדער א. אַ. וו.

פאָלקס־ליד.

ליד פון אַרבייט

אַ, לויב און געזאַנג דער מיה און דער אַרבייט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצען ליבענד און היים!
געבענשט זאָלען זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערען, פון וועלכען עס גיסט זיך דער שוויים.

געבענשט זאָלען זיין דער ווערקשטאַט, די שפינדעל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליהענדער גאָרטען,
פאַר טויזענט — אַ שווערער, אַ זומפּיגער וועג.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע — פון אייזען.
קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונזער קראַפט, אונזער לעבען,
אָהן זיי איז אוממעגליך איין איינציגער טריט.

טאָ לויבט זשע און זינגט דער מיה און דער אַרבייט,
זינגט, גריסט זיי פון האַרצען ליבענד און הייס!
געזונט זאָלען זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערען, פון וועלכען עס גיסט זיך דער שווייס!

ש. פרוג.

דאָס פריילכע שניידערל

אַז דער יום־טוב הייבט זיך אָן צו באַווייזען,
ווער איך ביי מיר אַ גדול:
איך לייג אַוועק מיין שער און אייזען
און וואו כ'האָב ביי מיר נאָר אַ נאָדעל.
אויפגעהערט נייען, אַרבייט זוכען,
האַרציגער טאַטע!
אַ ביסעלע ווייז אום יום־טוב צו פאַרזוכען
איז בעסער ווי צו לייגען אַ לאַטע!

אַז דער יום־טוב קומט, ווערט מיר אַ ביסעל
פריילעך אויף דער נשמה;
בפרט אַז גאָט גיט, ס'איז דאָ אין שיסעל, —
ווערט דאָס לעבען אַ נחמה.
דאָס האַרץ איז זיך פשוט טאַקע מחיה,
ניטאָ קיין גריזאָטע;
חנה טוט אָן מלבושים נייע,
און איך מיין קאַפּאָטע!

די קינדער זאַט — ס'איז טאַקע אַ חידוש,
זיי שפילען אין אקח און מקח;

נאָך דער שוהל מאַך איך אַ גוטען ק י ד ו ש
און פאַרבײַס מיט קאָרענעם לעקעך.
צו די פיש האָב איך אויך קײַן ט ע נ ה, —
זײַנען גוט געפעפערט און געזאַלצען;
אַז מ׳נעמט זײ אין מויל — לעבען זאָל ח נ ה,
ווערען זײ אין מויל צעשמאַלצען!

דאָס גלעזעלע ווײַן איז לויטער ווי דער הימעל
און וואַרימט ווי אַ פעלץ אום ווינטער;
נאָכ׳ן בענשען כאַפּ איך אַ גוטען דרימעל
און ח נ ה כאָרכעלט אונטער.
דאָ כאַפּ איך מיך אויף—ס׳איז ניט קײַן וואונדער,
מען טאָר קײַן צײַט פאַרלירען;
נעם איך מיר ח נ ה׳ן און ביידע קינדער
און געה מיר אויפ׳ן שליאַך שפּאַצירען!

מ. וואַרשאַווסקי.

איידער איך לעג זיך שלאָפען

איידער איך לייג זיך שלאָפען,
דאַרף איך שוין אויפשטעהן,
מיט מײַנע קראַנקע ביינער
צו דער אַרבײַט געהן.

כ׳קום שפּעט צו דער אַרבײַט.
ס׳איז ווײַט דער וועג!
שלאָגט מען מיר אָפּ
פאַר האַלבע טעג.

נאָדלען ווערען צעבראָכען
פופצען אַ מינוט,
די פינגער ווערען צעשטאָכען,
ס'רינט פון זיי דאָס בלוט.

איך לייד שטענדיג הונגער,
כ'האָב נישט וואָס צו עסען;
וויל איך געלט בעטען,
הייסט מען מיר פאַרגעסען.

פאָלקס-ליד.

ביים בעל-הבית'ס טיר

וואָס ביסטו געפאַלען, מיין אָרימער ברודער,
וואָס שטעהסטו ביים טיר? ווי, דו וויינסט?
דיך האָבען דערשראָקען די ליכטיגע זאַלען,
דו וועסט זיי פאַרשמוצען, דו מיינסט?

אָ, אָרימער ברודער! ניט שרעק זיך, נישקשה!
געה וויַיטער און זעץ זיך אַוועק;
דו וועסט ניט פאַרשמוצען דאָס גאָלד פון די זאַלען,
דיין נשמה איז ריין, אָהן אַ פלעק!...

אוי, אָרימער ברודער, אוי נאַרישער ברודער!
וואָס האָט דיר די אויגען פאַרבלענדט?
וואָס שטעהסטו און קוקסט און באַטראַכטסט אַלץ
פאַרוואונדערט:
דו האָסט ניט דיין אַרבייט דערקענט?!

א. רייזען.

דאָס געבעט

עס הערט זיך דער דונער פון ווײַטען,
עס בלענדט אין די אויגען דער בליץ;
אָ, גאָט! האָב ר ח מ נ ו ת, די אָרימע
פון בײזען געוויטער באַשיץ.

וואָס אַרבײַטען שווער אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווײַט פון דער הײם
און האָבען קײַן אָרט, וואו זיך שיצען,
קײַן שײַער, קײַן דעכעל, קײַן בוים;

וואָס זײַנען אַוועק אונטערוועגענס,
די פורען מיט מ ש א פאַרלײגט,
און ווײַט איז פאַר זײ נאָך אַ קרעטשמע,
און ווערען פון רעגען צעווײקט;

וואָס שטעהען אין מאַרק מיט די קוישען:
מיט עפּעל, מיט גרינס און מיט ברויט —
און אַלע, וואָס זײַנען איצט דרויסען,
וואָס ס'טרײַבט זײ דער הונגער און נויט;

און אַלע, וואָס זײַנען פאַרוואָגעלט,
וואָס האָבען קײַן ווינקעלע ניט, —
די אַלע פון בײזען געוויטער,
באַשירעם זײ, גאָט, און באַהיט!

א. רייזען.

מיין אינגעלע

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזעה אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטען, זעלטען זעה איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים שטענדיג שלאָפענדיג,
איך זעה אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבייט טרייבט מיך פריה אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגען לייב!
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינסטערניש געהילט, —
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט,

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?“

איך הער עס צו און איַיל — עס מוז —
יאָ, יאָ, עס מוז געשעהן!
די פאָטער־ליבע פלאַקערט אויף:
עס מוז מיין קינד מיך זעהן!...

איך שטעה ביי זיין געלעגערל
און זעה, און הער, און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?“

איך קוש די בלויע אייגעלעך,
זיי עפנען זיך — „אָ, קינד!“
זיי זעהען מיך, זיי זעהען מיך
און שליסען זיך געשווינד.

„דאַ שטעהט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּענילע דיר, נאַ!“
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?“

איך בלייב צעוויטאָגט און צעקלעמט,
פאַרביטערט און איך קלער:
„ווען דו דערוואַכסט אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מער“...

מ. ראָזענפעלד.

דעם מילנערס טרערען

אוי, וויפיעל יאָרען זיינען פאַרפאָרען,
זינט כ'בין אַ מילנער אָט־אָ־דאָ.
די רעדער דרייען זיך, די יאָרען געהען זיך,
איך בין שוין אַלט און גרייז און גראָה.

ס'איז טעג פאַראַנען, כ'וויל מיך דערמאַנען,
צי כ'האָב געהאַט אַ שטיקעל גליק.
די רעדער דרייען זיך, די יאָרען געהען זיך,
קיין ענטפער איז ניטאָ צוריק.

מיין טרייע מינצע, מיין קינד מיין שפּרינצע,
אוי וויי, אַ יאָמער, אוי אַ שרעק!
די רעדער דרייען זיך, די יאָרען געהען זיך,
מיט זיי זייט איר אויך באַלד אַוועק.

פון גליק פאַרטריבען, בין איך געבליבען
אָהן ווייב, אָהן קינד אַט דאָ אַליין.
די רעדער דרייען זיך, די יאָרען געהען זיך,
און עלענד בין איך, ווי אַ שטיין.

איך האָב געהערט זאָגען, מען וויל מיך פאַריאָגען
אַרוים פון דאָרף און פון דער מיל.
די רעדער דרייען זיך, די יאָרען געהען זיך,
אוי, אָהן אַן עק און אָהן אַ ציל.

וואו וועל איך וואוינען? ווער וועט מיך שוינען?
איך בין שוין אַלט, איך בין שוין מיד...
די רעדער דרייען זיך, די יאָרען געהען זיך,
און אויך מיט זיי געהט אוים דער איד.

מ. וואַרשאַווסקי.

צום העמערל

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט אין שטוב איז שוין נישטאָ,
נאָר צ ר ו ת און לייד אָהן אַן עק!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
דער זייגער — ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף;
די אויגען — זיי מאַכען זיך צו.
גיב כ ו ח ו ת, אָ, גאָטעניו, העלף!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך!
ביז מאָרגען מוז פאַרטיג שוין זיין
דער ג ב י ר ה'טעס טעכטערלס שיך!

אַך, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס.
מיין איינציגער שפּייזער ביסטו,
פון הונגער אָהן דיר געה איך אוים.

א. רייזען.

די סאָכע

אין דער סאָכע
ליגט די מ ז ל ־ ב ר כ ה,
דער וואַרער גליק פון לעבען, —
קיין זאַך מיר ניט פעלט;

עס קומט דער פריהמאָרגען,
איך דאַרף ניט לייען, באָרגען,
דער מ ו ח דאַרף ניט זאָרגען
אויפ'ן טאָג ה ו צ א ו ת־געלט.
עס איז אָנגעגרייט אויף ווינטער
אַ זאַסיק אַ געזונטער,
איך זיי, איך שנייד גאַנץ מונטער,
פריי אין גאָטעס וועלט!

פון רייכען,
ווער קען זיך צו מיר גלייכען,
ווער לעבט רוהיג, גליקליך,
ווי איך—פויער אין פעלד?
גיט נאָר גאָט דעם רעגען,
פיל איך גליק און זעגען,
איך פיר שוין סנאָפּעס וועגען, —
ח י ו נ ה פאַר דער וועלט;
איך טו לייט דערנערען,
מאַרק־לייט און שפייכלערען,
שיפערס, קאָמיסיאָנערען,
און כ ש ר איז מיין געלט!

א. צונזער.

דאָס קאָלאָניסטען־ליד

גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער,
אונזער הילף ביסטו אַליין;
נעמט צונויף די גאַרבען, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן!

זאָל די זון אונז בריהען, בראָטען,
זי האָט אונז געשײַנט צום גליק;
זעהט, דאָס ברויט איז אונז געראָטען.
קינדער, קײַנמאָל ניט צוריק!

גרויסער גאָט, דו העלפסט דעם מענשען,
אַז ער רופט צו דיר אין נויט;
זאָלסט אונז טאַקע ווײַטער בענשען
מיט הצלחה און מיט ברויט.

לאָזען אונזערע קינדער וויסען
פון אַ לעבען אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסען
איז פון אונזער אײַגען פעלד.

מ. וואַרשאַווסקי.

פלאַקער, פײַער!

פלאַקער, פײַער, פלאַקער!
קנאַק אונז פריילִיך צו,
לײַכט אונז צו ביז אין דער פריה;
דער פויער רוהט בײַם אַקער,
דער פאַסטוך — בײַ די פיה;
יעדען איז ליב זײַן מיה.

ליִיגט זשע צו האָלץ!
מיר מעגען זײַן שטאָלץ,
פריילִיך טאַנצען אין קאָן;
ווײַל פאַסטוכער אַליין
זײַנען דאָך געווען

אונזערע א ב ו ת פון אײביג אָן!
פלאַקער, פײַער, פלאַקער
א. אַ. וו. ביז זײַן מיה.

א. גאָלדפאַדען.

דאָס ליד פון ברויט

פאַר די הענטלעך אין די רינגען
קלײנע שײנע קינדער זינגען:
— „גאָט געטרײַער, גיב אַ רעגען
פון די קלײנע קינדערס װעגען!“
װײַזט אַ װאָלקען זיך פון אויבען,
נעמען זיך די פעלדער שטויבען;
און װי פערעל רעגען רײַן
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ הײבט אָן גײן.

נעמען זיך די פעלדער שפּרײטען,
פריש צעאַקערטע אין בײטען;
װערען גרינע קאָרענזאַנגען
אויף די פעלדער אויפגעגאַנגען;
הײבט אַ טוי אויף זײ אָן פאַלען,
װאַרימט זײ די זון מיט שטראַלען,
װערען פעלדער געל װי גאָלד,
פול מיט קאָרן, רײנעם גאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
אײנס פון צװײטען שאַרפער, גרעסער,
שנײַדען שניטער, שנײַדען, זינגען,
אַזש די שאַרפע מעסער קלינגען,

אַזש די פעלדער ווײַט פאַרשטאַרבען;
און דעם קאָרן אין די גאַרבען
ליִיגען זיי אין סקירדעס אויס,
ביז צום הימעל הויך און גרויס.

נעמען פולע פורען פאָרען,
פורען פאָרען, פירען קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלען
אין די מילען אויסצומאָלען;
הײַבען אָן די ווינטען וויִען,
און די מילען-פליגלען דריִיען;
מאָלען מילען, מאָלען שנעל
פון דעם קאָרן ווײַסען מעל.

נעמט דער בעקער מעל מיט הייוועך
און פאַרהייצט זײַן גרויסען אויווען;
ברענט דאָס פײַער, שײַטלעך קנאַקען,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקען.
קויפען מאַמעס ברויט דעם פרישען
און דערלאַנגען אויף די טישען;
עסען קינדער פרישען ברויט,
זײַנען זיי געזונט און רויט.

מאַני לייב.

די שאָפּ מיידעל

אַך, קאַלט און בלאַס און וויסט
מײַן יוגענד געהט אַוועק;
אָהן שטערען מיר די נעכט,
אָהן זונען מיר די טעג.

אַך, ווי אַ בלעטעלע,
אַראָפּגעקלאַפּט פון בוים,
פון בייזען אָסיען־ווינט
פאַרשלײַדערט פון דער היים.

אַך, ווי אַ פייגעלע,
אַרויסגעיאָגט פון נעסט,
פאַרוואָגעלט אין דער פרעמד,
פאַרשפּאַרט אין שטײַגעל פעסט.

אָהן פריילכקײַט און גליק,
אָהן וואַרימקײַט און ליכט,
אָהן קײַן שום נאָהענטען
און צערטליכען געזיכט.

אַך, עלענד און פאַרשמאַכט,
דאָס לעבען שלעפּט זיך פויל,
אָהן ליבע און אָהן טרייסט,
דורך אומעט און דורך גרויל.

דורך מאַטערניש און שוויים,
דורך איינזאַמקײַט און פּײַן,
און ביז אין גראָהען צאָפּ,
און ביז אין גרוב אַרײַן.

א. לעסין.

דער קאַטערינשטשיק

שטעהט אין דאָרף אַן אַלטער
פרירענדיג, פאַרשנייט ;
ביי זיין קאַטערינקע
שטעהט ער און ער דרייט.

נאַקעט, אָפּגעריסען,
צווישען שניי און ווינט.
ווער זשע וועט אַ גראָשען
שענקען אים אצינד ?

קיינער הערט אים שפּילען,
קיינער פילט זיין וויי ;
נאָר די דאָרפס־הינט בילען,
און עס פאַלט דער שניי.

נאָר וואָס אַרט דעם אַלטען
שניי און הינט־געביל ?
אַז אים זאָגט זיין הונגער —
שטעה און דריי און שפּיל.

אָרימער, גוטער אַלטער !
נעם מיך מיט דיר מיט.
צו דיין שפּילען דעם אָרימען
פּאַסט מיין טרויער־ליד.

מ. ל. האַלפּערן.

V. זיג־לידער

שלאָף־ליד

די מאַמע האָט דאָס אינגעלע שלאָפען געלייגט.
און אַ קלאָר־ווייס ליילעכעל אונטערגעשפּרייט,
קלאָר ווי שניי און ווייס ווי קרייט.
שלאָף, מיין זונעניו, די מאַמע האָט קיין צייט.
שאַ־שאַ, שאַ־שאַ־שאַ, ליו־ליו, — ליו־ליו־ליו;
שאַ־שאַ, שאַ־שאַ־שאַ, ליו־ליו, — ליו־ליו־ליו.
די מאַמע וועט קומען.
טראַלאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ,
די מאַמע געהט,
טראַלאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ,
די מאַמע געהט.
לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאָ־לאַ.
די מאַמע איז געקומען.

פאָלקס־ליד.

איי־ליו, ליו־ליו שלאָף!

איי־ליו, ליו־ליו, שלאָף, מיין ליב טייער קינד!
מאַך זשע צו די אייגעלעך און שלאָף געזונט.
מאַך זיי צו און מאַך זיי אָפען,
געזונטינקערהייט זאָלסטו מיר שלאָפען!

דיינע יונגע יאָרעלעך בין איך דיר מ ק•נ א.
ווערסט דאָך זיין אַ גרויסינקער, ווערסט דאָך זיין
אַ ת נ א;

װעסטו דײַנע עלטערן באַצירען און באַשײַנען —
פּאַסט דאָך ניט פֿאַר דיר, זאָלסט פּעשטשען זיך
און װײַנען.

פּעשטשעסט זיך און װײַנסט און שלאָפען
װילסטו ניט;
מאַכסט דאָך אָן דײַן מוטער שמערצען מיט דערמיט,
זינגען און װיגען איז דײַן גאַנצער גרונד;
שלאָף זשע, מײַן קינד, שלאָף זשע געזונט.

פֿאָלקס-ליד.

װיג-ליד

שלאָף זשע, מײַן טײַערער זונעלע,
ס׳פּאַלט דאָך שױן צו באַלד די נאַכט;
ליו-ליו, מײַן ליבינקער איינגעלע,
אַ מלאך דײַן װיגעל באַװאַכט.
די גאַסען פֿאַרשאָטען מיט בלענד-װײַסען שנײַ,
אױפ׳ן פּענסטער פֿאַרפֿראָרען אַ בױם;
אין װעג, אױפ׳ן שליטען, זאָל גאָט דײַן טאַטען היטען,
ער זאָל קומען בשלום אהײם.

אַ ליכט אױף דײַן פּענסטער זאָלסטו שטעלען,
פֿאַר דעם װאַנדערער, װאָס געהט אין װעג דורך
נאַכט;
זאָל קײנער דײַן הױז ניט פֿאַרפֿעלען,
ער זאָל װיסען, אַז אַ גוטער מענש דאָ װאַכט.

דו זאָלסט קיינמאָל ניט פאַרפעלען,
אַ טרונק ביים טיר צו שטעלען
פאַר דעם דורשטיגען, וואָס גערט דיין טיר פאַרביי;
דיין ביסען זאָלסטו טיילען,
אַ קראַנקען זאָלסטו היילען,
ביי דיין טיש זאָלען זיצען כאָטש דריי.

ס. גאָלוב.

די מוטער צום קינד

שלאָף נאָך, שלאָף נאָך, מיין ליב קינד!
דרויסען איז אַ פראָסט, אַווינט, —
גאָט זאָל זיך דערבאַרימען,
גאָט זאָל אונז דערוואָרימען.

אָ, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט.
ליג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט.
שלאָף נאָך, אָרים פייגעלע,
עפען ניט דיין אייגעלע.

וועסט דערזעהען אַ קאַלטע וועלט,
דורך אין ווייסען אָפגעמעלט.
האָלץ אין שטוב קיין שייטעלע
און קיין געלט אין ביימעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט,
קעלט און הונגער דריקט און רייצט;
שלאָף, מיין קינד, פאַרפראָרענעס,
אָרימעס, פאַרלאָרענעס!

א. רייזען.

שאַ, מיין קינד!

שאַ, מײַן קינד, דו ליג און שווײַג,
אויף דער אָדלער זיצט אין שטײַג;
פון דער שטײַג די טיר איז צו,
און ער שרײַט אַזוי ווי דו.

שטילער, קינד מײַנס, ס'איז די וועלט
פול מיט שטײַגען אויסגעשטעלט;
צו ב ח י נ ם, צי באַצאָלט,
צי פון אײַזען, צי פון גאָלד.

וואַרף זיך, קינד, נישט און ניט פליה,
ס'וועט אומזיסט דיר זײַן דײַן מיה;
ביסטו קלײַן, צי ביסטו גרויס,
קענסט ניט פון דער שטײַג אַרויס.

שאַ, מײַן קינד, קײַן קלאַנג, קײַן שאָרך!
דאָרט אין שטײַג, דעם אָדלער, האָרך.
איז פון קלאַפּען באַלד שוין מיד
פליגלען העלפען אים אויך ניט!

וויין נישט, קינד מײַנס, שטיל און שאַ.
ס'איז מײַן מ ז ל אויך אַזאַ.
אויך געפאַנגען האָט מען מיך.
שווײַג זשע שטיל אַזוי ווי איך!...

א. רייזען.

שלאָף, מיין קינד, שלאָף כּסדר!

שלאָף מײַן קינד, שלאָף כּסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד:
אַז דו, מײַן קינד, וועסט עלטער ווערען,
וועסטו וויסען אַן אונטערשיד.

אַז דו, מײַן קינד, וועסט עלטער ווערען,
וועסטו ווערען מיט לײַטען גלײַך;
דאַמאָלסט וועסטו געוואָר ווערען,
וואָס הייסט אָרים און וואָס הייסט רײַך.

די טײַערסטע פּאַלאַצען, די טײַערסטע הײַזער,
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרימאַן;
נאָר ווייסטו, ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
גאָר נישט ער, נאָר דער רײַכער מאַן.

פאָלקס־ליד.

שלאָף, מיין קינד!

שלאָף, מײַן קינד, מײַן טרייסט, מײַן שיינער,
שלאָף־זשע, ליו־ליו־ליו!
שלאָף, מײַן לעבען, מײַן צדיק איינער,
שלאָף־זשע זונעניו!

בײַ דײַן וויגעל זיצט דײַן מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט;
וועסט אַמאָל פאַרשטעהן מסתּמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

אין אַמעריקע איז דער טאַטע
דינער, זונעניו!..
ביסט אַ קינד נאָך, שלאָף ל ע ת ־ ע ת ה,
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו.

אין אַמעריקע איז פאַר יעדען,
זאָגט מען, גאָר אַ גליק
און פאַר אידען אַ ג ן ־ ע ד ן,
עפּעס אַן אַנטיק.

דאָרטען עסט מען אום דער וואָכען
ח ל ה, זונעניו.
יַיכעלעך וועל איך דיר קאָכען,
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו.

דער טאַטע ט'שיקען צוואַנציג דאָלער,
זיַין פּאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבען זאָל ער,
אונז אַהינצוצו!

ער וועט כאַפּען דיך צו קושען,
טאַנצען אַזש פאַר פריַיד;
איך וועל קוואַלען טרערען גיסען,
וויינען שטילערהייט.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטעל,
דאַרף מען, זונעניו —
שלאָפען; ס'איז אַ טיַיער מיטעל,
ליולינקע ליו־ליו!

שלום־עליכם.

אַ וויג־ליד

ס'לויפען, ס'יאָגען שוואַרצע וואָלקען,
ס'פּײַפט און ס'ברומט דער ווינט;
פון דער ווײַטען שיקט דײַן טאַטע
דיר אַ גרוס, מײַן קינד!

נאָר דער ווינט — ער ברענגט אונז גרוסען
פון דעם קאַלטען לאַנד;
דאָרטען שטעהט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנט.

און ער גראָבט אַלץ טיפער, טיפער,
וואַרפט די ערד אַרויס.
ניט געזאָרגט דאָך! פאַר'ן ש ק ר
גראָבט ער ק ב ר י ם אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאַלט ער אויפ'ן פעלד!
זאָרג ניט, קינד מײַנס, דיך געבאָרען
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד ועסטו אויסוואַקסען,
שלאָף זשע, שלאָף אַצינד;
זאַמעל כ ו ח ו ת פאַר דער צוקונפט,
זאַמעל, אײנציג קינד!

ה. ד. נאָמבערג.

VI. פֿאַמיליען-לידער

די מוזינקע אויסגעגעבן

שלאָגט, קלעזמער, אין די טאַצען!
ווער וועט אַצינד מיך שאַצען?
אוי, אוי, גאָט איז גרוים!
ער האָט דאָך געבענשט מײַן הויז:
די מוזינקע גיב איך אוים!
די מוזינקע אויסגעגעבן,
די מוזינקע אויסגעגעבן!

מאָטעל, ש מ ע ו ן!
די אָרימעלײַט זײַנען געקומען!
שטעלט זײ דעם שענסטען טיש,
טײַערע ווײַנען, טײַערע פיש!
אוי ווײ, טאָכטער, גיב מיר אַ קוש!
די מוזינקע אויסגעגעבן,
די מוזינקע אויסגעגעבן!

אײַזיק, מ ז י ק!
די באָבע געהט אַ קאָזיק;
קײַן ע י ן ־ ה ר ע, זעהט נאָר, זעהט,
ווי זי טופּעט, ווי זי געהט!
אוי, אַ ש מ ח ה, אוי אַ פרײד!
די מוזינקע אויסגעגעבן,
די מוזינקע אויסגעגעבן!

איציק, שפּיציק!...
וואָס שווײַגסטו מיט דײַן שמיציק?!

אויף די קלעזמער טו אַ געשריי:
צי שפּילען זיי, צי שלאָפען זיי?
ריַיסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי!
די מוזינקע אויסגעגעבען,
די מוזינקע אויסגעגעבען!

מ. וואַרשאַווסקי.

די גאָלדענע פּאַווע

איז געפלויגען די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע י מ׳ען.
לאָזט געריסען מיַין טיַיערען טאַטען
מיט מיַין ליבער מאַמען!

איז געפלויגען די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע גראָבען.
לאָזט געריסען מיַין טיַיערען זיידען
מיט מיַין ליבער באָבען!

איז געפלויגען די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע טיַיכען.
לאָזט געריסען מיַין ליבען פעטער
מיט מיַין מומע ריַיכען!

איז געפלויגען די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע פעלדער,
האָט זי פאַרלאָרען די גאָלדענע פעדער
אין די פרעמדע לענדער.

פאָלקס-ליד.

זיי־זשע מיר געזונט

זײַ־זשע מיר געזונט, מײַן ליבער פאָטער,
איך פאָר דאָך שוין פון דיר אַוועק.
איין און צוואַנציג יאָר האָסטו מיך געהאָדעוועט
און איצטער וואַרף איך דיך אַוועק!

זײַ־זשע מיר געזונט, מײַן ליבע מוטער,
איך פאָר דאָך שוין פון דיר אַוועק.
דו האָסט מיך געבאָרען, דו האָסט מיך דערצויגען,
און איצטער וואַרף איך דיך אַוועק.

זײַ־זשע מיר געזונט, מײַן ליבער ברודער,
איך פאָר דאָך שוין פון דיר אַוועק;
צוזאַמען זײַנען מיר אויפגעהאָדעוועט געוואָרען,
און איצטער וואַרף איך דיך אַוועק.

זײַ־זשע מיר געזונט, מײַן ליבע שוועסטער,
איך פאָר דאָך שוין פון דיר אַוועק,
אויף דײַנע הענט האָסטו מיך געטראָגען,
און הײַנט וואַרף איך דיך אַוועק.

זײַ־זשע מיר געזונט, מײַן ליבע כ ל ה,
איך פאָר דאָך שוין פון דיר אַוועק,
נאָך דיר וועל איך בענקען מערער ווי נאָך אַלע,
ווען איך וואַרף דיך הײַנט אַוועק.

פאָלקס־ליד.

אַ בריף פון אַמעריקע

טײַערע מאַמע, טײַערע מוטער,
דו מײַן טײַער, כ ש ר האַרץ!
צי ווײסטו, ווי איך ווײן אַזוי ביטער,
און ווי טיף איז דאָ מײַן שמאַרץ?
וואָס וואָלט איך ניט אַוועקגעגעבען,
איך זאָל טאָן אויף דיר אַ בליק!
איך וואָלט פאַר דיר געשטרעקט דאָס לעבען,
איך זאָל קומען צו דיר צוריק!

נאָר ס'איז ניט די דאָזיגע יאָרען,
וואָס מען קען גיך טאָן אַלצדינג:
מאַמע, כ'קען צו דיר ניט פאָרען;
שרײַבען — איז מיר דאָס ניט גרינג!
ל א ה'ניו לאָזט ניט, זי האָט מ ו ר א,
פאַר דעם „פריזיוו" ציטערט זי;
און מײַן פיצעלע קינד, מײַן ד ב ו ר ה,
האַלט מיך מיט אירע הענטעלעך צו.

אַז איך זעה זי, ווערט מיר גרינגער:
דו זאָלסט הערען, ווי זי רעדט,
ווי זי ווײַזט מיט'ן גרויסען פינגער
אויף דער באָבעניוס פאָרטרעט!
און מײַן שײַנער יונג, מײַן סאַנע,
אַרבײַט, — גאָלדענע האָט ער הענט!
מ ש ה'לע זאָגט שוין „מ ו ד ה - א נ י",
ר ח ל'ען וואָלסטו ניט דערקענט.

דו דערמאָנסט זיך מ ן ה ס ת מ א
און דו בענשסט זיך א ו ד א י דאָרט...
זײַ גריסען, קושען דיך, טײַערע מאַמע,
זײַ געזונט!... נאָר נאָך אײן וואָרט:
אַז דו וועסט אויף דעם ב י ת ־ ע ו ל ם קלאָגען —
יאָרצײַט האָבען מיר ע ר ב ש ב ו ע ו ת —
זאָלסטו דאָרט דעם טאַטען זאָגען,
אַז איך שיק אים אָפּ אַ גרוס.

טײַערע מאַמע, טײַערע מוטער,
דו מײַן טײַער, כש ר הארץ!
צי ווײסטו, ווי איך וויין אַזוי ביטער,
און ווי טיף איז דאָ מײַן שמאַרץ?...

מ. וואַרשאַווסקי.

עס קומט געפלויגען

עס קומט געפלויגען די גילדערנע פאַווע
פון אַ פרעמדען לאַנד,
האָט זי פאַרלאָרען די גילדערנע פעדער
מיט אַ גרויסער שאַנד.

עס איז ניט אַזוי די גילדערנע פעדער,
ווי די פאַווע אַליין;
עס איז ניט אַזוי דער אײדים,
ווי די טאָכטער אַליין.

ווי ס'איז ביטער, מײַן ליבע מוטער,
אַ פײגעלע אָהן אַ נעסט,

אַזוי איז ביטער, מײַן ליבע מוטער,
בײַ שווער און שוויגער אויף קעסט.

ווי עס איז ביטער, מײַן ליבע מוטער,
אַ פֿײגעלע אָהן אַ זאַמד, —
אַזוי איז ביטער, מײַן ליבע מוטער,
אין אַ פֿרעמדען לאַנד.

פֿאָלקס־ליד.

דאָס בריוועלע

איך געה אַרוים אויפ׳ן גאַניקעל
דאָס שטעטעלע באַקוקען;
קומט צופֿליהען אַ קלײנן פֿײגעלע
און טוט זיך צו מיר בוקען.

ניט אַזוי דאָס קלײנע פֿײגעלע,
ווי איר שײנער פֿליהען;
זי וואַרפֿט אַראָפּ מיר אַ קלײן בריוועלע,
איך טו אים גלײַך באַקומען.

איך לײען איבער דאָס ערשטע ש ו ר ה׳לע —
מײַן טײַערסטער איז פֿאַרדאָרבען;
איך לײען איבער דאָס צווײטע ש ו ר ה׳לע —
מײַן טײַערסטער איז געשטאָרבען.

קלײַבט צונױף אַלע מײַנע ח ב ר'טעס,
אַלעמען אינאײנעם.
די װאָס האָט נאָר אַ פרײַנד געהאַט,
זאָל מיר העלפען װײנען.

פאָלקס־ליד

קליפ־קלאַפ

קליפ־קלאַפ אין דער גאָלדענער טיר:
— מײַן זיס לעבען, עפען מיר!
— קלאַפען, קלאַפען זאָלסטו ניט,
עפענען װעל איך דיר א ו ד א י ניט.

— אַ רעגען געהט, אַ װינט שפּרײט,
װאו זאָל איך הינטאָן מײַן זײַדען קלײד?
— קער עס אום אויף דער לינקער זײַט
און לײג זיך שלאָפען אויפ'ן גרינעם גראָז!

— מיט װאָס װעל איך זיך צודעקען,
און װער װעט מיך דאָ אויפװעקען?
— דאָס בלאַט פון בוים װעט דיך צודעקען,
דער שטראַל פון דער זון װעט דיך אויפװעקען.

פאָלקס־ליד.

אַ שיף־ליד

ברעטלעך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען,
בוי איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָרען איבער י מ׳ען.

לאָז איך מיר אין וועג אַרײַן,
אין וועג אין ווײַטען:
שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
אַ לאַנגען און אַ ברייטען.

שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
בלאָזט אים אויף דער ווינט.
ווינט, דו ווינט, מײַן שיפעל טראָג
צו יענעם ברעג געשווינד.

אויפ׳ן ברעג פון גרויסען י ם
איז אַ שטאָט פאַראַן,
געהט זיך דאָרט שפּאַצירענדיג
אַ בלאָנדער יונגערמאַן.

רעדט און שמייכעלט ח נ׳עוודיג,
לאַכט און זינגט אַ ליד...
ווייסט ער כאָטש, אוי, פילט ער כאָטש
מײַן האַרץ, מײַן שווער געמיט?!

ה. ד. נאָמבערג.

VII. פרייהייט-לידער

צו דער פרייהייט

צו דיר, אָ פרייַהייַט, רייַנער קוואַל
פון פרייַדען ליכטיגע און שטילע,
פליהט אונזער ליד, פון טרערען מיד,
פאַר דיר צעגיסט זיך אונזער ת פ י ל ה:

קום, ליבע, טרייַע, קום צו אונז!
און ווי די שאַרפע פייַל פון בויגען,
וועט טאָן אַ שלאָג דייַן העלער טאָג
און די ת ל י ו נ י מ'ס בייַזע אויגען.

ווי אייַזען האַרט און שווער ווי בלייַ,
וועט זייַ דייַן פרישער ווינטעל דריקען;
אַ טויט־שטראָף זייַן וועט זייַ דייַן שייַן,
דייַן רייַנע לופט וועט זייַ דערשטיקען.

צו דיר, אָ פרייַהייַט, קלאָרער קוואַל
פון פרייַדען ליכטיגע און שטילע,
פליהט אונזער ליד, פון צאָרן מיד,
אין פלאַמען גיסט זיך אונזער ת פ י ל ה.

ש. פרוג.

דער קאַנאַריק

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרייַען וואַלד אַליין;
ווער קאָן זיין שמחה פילען,
ווער קאָן זיין פרייד פאַרשטעהן?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רייַכסטען פּאַלאַץ שוין;
ווער קאָן זיין ווייטאָג פילען,
ווער קאָן זיין שמערץ פאַרשטעהן?

מ. ראָזענפעלד.

וואַכט אויף

ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג, וועט איר בלייַבען נאָך שקלאַפען
און טראָגען די שענדליכע קייט?
ווי לאַנג וועט איר גלענצענדע רייַכטימער שאַפען
פאַר דעם, וואָס באַרויבט אייַער ברויט?

ווי לאַנג וועט איר שטעהן, אייַער רוקען געבויגען,
דערנידעריגט, היימלאָז, פאַרשמאַכט?
עס טאָגט שוין! וואַכט אויף! עפענט אויפעט די אויגען, —
דערקענט אייַער אייַזערנע מאַכט!

קייטען און טראָנען — אַלצדינג מוז פאַלען
אונטער דעם אַרבייטערס שווערד!

מיט דופטענדע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַלען
וועט פרייהייט באַצירען די ערד!

און אַלצדינג וועט לעבען, און ליבען און בליהען
אין פרייהייטליך־גאָלדענעם מאַי!
ברידער, געניג פאַר טיראַנען צו קניהען,
שווערט, אַז איר מוזט ווערען פריי!

ד. עדעלשטאַדט.

און דו אַקערסט און דו זייסט

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפינסט —
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?
קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!
קלאַפּט דער האַמער מיט זיין געזאַנג.
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג!
צערייסט די קייטען פון שקלאַפען־צוואַנג!

וועבסט דיין וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונז אייזען פון דער שאַכט,
ברענגסט די ש פ ע אונז אַריין,
פול מיט ת ב ו א ה און מיט ווייַן.
קלינג־קלאַנג, א. אַ. וו.

נאַר — וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאַר — וואו איז דיין י ו ם ־ ט ו ב ־קלייד?

נאַר — וואו איז דײַן שאַרפער שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?
קלינג־קלאַנג, א. אַ. וו.

מאַן פון אַרבײַט, אויפגעוואַכט!
און דערקען דײַן גרויסע מאַכט!
ווען דײַן שטאַרקע האַנט נאַר וויל,
שטעהען אַלע רעדער שטיל!
קלינג־קלאַנג, א. אַ. וו.

בן־אחוד פון הערוועג.

דאָס נייע ליד

און זאָל ווי ווײַט נאָך זײַן די צײַט
פון ליבע און פון ש ל ו ם,
דאָך קומען וועט, צי פריה, צי שפעט,
די צײַט — עס איז קײַן ח ל ו ם!

איך הער דאָס ליד פון ליבע, פריד,
די מעכטיגע געזאַנגען;
און יעדער טאָן פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט, די וועלט דערוואַכט,
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבען.
דו הערסט — אין לופט אַ שטימע רופט:
צו מוט און קראַפט און לעבען!...

א. רייזען.

דער אינטערנאַציאָנאַל

שטעהט אויף, איר אַלע, ווער, ווי שקלאַפען,
אין הונגער לעבען מוז און נויט.
דער גייסט, ער קאָכט, ער רופט צו וואַפען,
צום שלאַכט אונז פירען איז ער גרייט.
די וועלט פון גוואַלדטאַטען און ליידען
צעשטערען וועלען מיר, און דאַן —
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן־עדן
באַשאַפען וועט דער אַרבייטס־מאַן.
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטעהט אויף, איר אַרבייטס־לייט!

דער אַרבייטס־מאַן וועט זיין ממשלה
פאַרשפרייטען אויף דער גאַנצער ערד,
און פאַראַזיטען די מפלה
באַקומען וועלען פון זיין שווערד.
אַראָפּ דעם יאָך, גענוג געליטען,
גענוג פאַרגאָסען בלוט און שווייס!
צעבלאָזט דאָס פייער, לאָמיר שמידען
כל־זמן דאָס אייזען איז נאָך הייס!
דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשידענער שטרייט;
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטעהט אויף, איר אַרבייטס־לייט!

מ. ווינטשעווסקי.

אַרבייטער־ברידער!

אָ, אַרבײַטער־ברידער, דערהײבט זיך, דערוואַכט
און מאַכט צו די צרות אַ סוף!
עס לײַכט שוין אין מזרח, עס שווינדט שוין די נאַכט,
עס עפענט די ברעמען דער מאָרגען אין פּראַכט;
אָ, שנעלער, דערהײבט זיך מיט שטורמישער מאַכט,
זאָל זײַן צו די לײַדען אַ סוף!

אָ, זעהט אײַערע קינדער פאַרצאָגט און פאַרבלאַסט,
די אויגען פאַרשוואָלען און רויט.
אָ, זעהט אײַער ברודער, ער שמאַכט און ער פאַסט;
כאָטש לאַנג זינט ער טראָגט שוין די שרעקליכסטע לאַסט,
דאָך ווײס ער קײן פרײד ניט — און לויפט אַלץ מיט האַסט
צום בײזען, צום פינסטערען טויט.
דערהײבט זיך, איר מאַסען! אַט איצט איז די צײַט
באַפרײַען דעם ברודער און זעלבסט זײַן באַפרײַט,
און מאַכען אַ סוף צו דער נויט.

עס קלינגען די טאָלען, עס קלינגען די בערג;
אָ, אַרבײַטער־מאַסען, דערוואַכט —
עס שמײכעלט פון הימעל די הערליכע זון.

י. סלאָנים.

מיין רוהע־פּלאַץ

ניט זוך מיך, וואו די מירטען גרינען;
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מײַן שאַץ!
וואו לעבענס וועלקען בײַ מאַשינען,
דאָרטען איז מײַן רוהע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו די פויגעל זינגען;
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מײַן שאַץ!
אַ שקלאַף בין איך וואו קײטען קלינגען,
דאָרטען איז מײַן רוהע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצען;
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מײַן שאַץ!
וואו טרערען רינען, צײנער קריצען,
דאָרטען איז מײַן רוהע־פּלאַץ.

מ. ראָזענפעלד.

מיר ברעכען

די אויגען פול צאָרן, פאַרגאָסען מיט בלוט,
די הערצער זײ שלאָגען מיט קראַפט און מיט מוט.
מיר שטעהען בײַ אַ הויכער, געמויערטער וואַנט
מיט האַמערס און אײַזענס און לאָמען אין האַנט —
מיר ברעכען, מיר ברעכען!

די וואַנט איז געמויערט גאַר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצאַמט אונז די וועגען צום לעבען, צום גליק,
פאַרשטעלט אונז די ליכטיגע שײַן, און זי מאַכט

פון פריִליכען טאָג אונז אַ טרויעריגע נאַכט. —
מיר ברעכען, מיר ברעכען!

און פאַלט פון דער שטיִינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטייִן, צי אַ ציגעל — טרעפט ועמען אין קאָפּ —
די איבעריגע בלייַבען דאָך שטעהן גאָר אָהן שרעק,
און אַרבייַטען ווייַטער. מען לויפט ניט אַוועק. —
מיר ברעכען, מיר ברעכען!

די אַרבייַט דאַרף דויערן, די אַרבייַט איז שווער!
פאַרזאַמעלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולעגען פעסטער זייַן האַנט,
מיר וועלען די הויכע, די ריזיגע וואַנט
צעברעכען, צעברעכען!...

א. רייזען.

דער אָווענט-גלאָק

אָ, מוזע, רוף מיך ניט! מיט דייַנע צויבער-פינגער
וועק ניט די סטרונעס פון מייַן קראַנקען האַרץ! —
פאַר'מ ש פּ ט איז צום טויט דייַן בלאַסער זינגער,
צו ענדע איז דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ.

זייַן וועג געוועזן איז שווער! ער האָט אויף אים
באַגעגענט
דערנער, שטייִנער, פאַרלייִמדונג, הונגער, נויט
און קעלט.

עס האָט געבליצט, געדונערט און גערעגענט,
און ער האָט אָפּדאַכלאָז געוואַנדערט אויף דער
וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט שוין אין זײַן לעבענס־
קאַמער,
ער זאָגט: „צו ענדע איז דײַן אַרבײַטס־טאָג!
פֿאַרלעש דײַן פֿײַער, לײג אַוועק דײַן האַמער!
קום! דו הערסט?... עס קלינגט דער אָוונט־גלאָק!“

עס קלינגט דער אָוונט־גלאָק! יאָ, איך הער
אים קלינגען,
מײַן טויט־אורטײל הער איך אין זײַן קלאַנג.
און לעבען ווילט זיך... עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפֿען קעגען יעדען שקלאַפֿען־צוואַנג!...

איך וואָלט געוואָלט, אָ, פֿאָלק, דײַן רויטען זעגעל
נאָך מאַכען רויטער מיט מײַן האַרצענס־בלוט...
און, ווי אַ לײב מיט זײַנע שאַרפֿע נעגעל,
דײַן פֿײַנד באַקעמפֿען מיט שטאָלצען העלדען־מוט!

דאָך וואָס נוצען די הײליגסטע פֿאַרלאַנגען?
צו ענדע איז מײַן לעבענס שטורעם־טאָג!
צו ענדע — טרוימען, טרערען און געזאַנגען,
עס רופֿט דער טויט, עס שלאָגט דער אָוונט־גלאָק!

ד. עדעלשטאַדט.

די שבועה

ברידער און שוועסטער פון אַרבײַט און נויט,
אַלע, וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט!
צוזאַמען, צוזאַמען! די פאָן — זי איז גרייט. (ביס)
צו שבועה! צו שבועה אויף לעבען און טויט!
הימעל און ערד וועט אונז הערען,
עדות — די ליכטיגע שטערען.
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערען!
מיר שווערען, מיר שווערען!

מיר שווערען צו קעמפפען פאַר פרײַהײַט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט;
מיר שווערען באַזיגען די פינסטערע מאַכט,
אָדער מיט העלדענמוט צו פאַלען אין שלאַכט!
הימעל און ערד א. א. וו.

מיר שווערען צו פירען דעם הייליגען שטרײַט,
ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערען באַנײַט.
קײן קבצן, קײן נגיד, קײן הער און קײן שקלאַף!
גלײַך זאָלען ווערען ווער שטאַרק און ווער שוואַך.
הימעל און ערד א. א. וו.

סינאָני.

VIII. לידער צום פאָלק

צו מיין פאָלק

זינג איך אים פון ליבע,
זינג איך אים פון האַס, —
ער בלײַבט שטיל, באַוועגלאָז,
ס'ווערט מײַן בליק מיר נאַס.

ס'נעמט מיך אַזאַ טיפע
בענקעניש אַרום:
פאָלק מײַן! זאָג, וואָס איז דיר?
ביסטו טויב, צי שטום?

האָט דער לאַנגער ג ל ו ת,
האָט די שווערע נויט
דיך פאַרטויבט, פאַרטומעלט,
אָדער ביסטו טויט?

און די טענער מײַנע
פאַלען צוועקלאָז ס ת ם,
ווי דעם י ר ד נ ' ס וועלען
אין דעם טויטען י ם.

י. יפה.

רייִן און ליכטיג איז דער הימעל

רייִן און ליכטיג איז דער הימעל,
פריש און פרייִליך וויִט דער ווינט...
„זינג מיר, זינג אַ זומער־לידעל!“ —
בעט דאָס שוואַכע, בלייִכע קינד.

„קום מיט מיר אין טאָל, אין גאָרטען,
פלעכט אַ קרענצעלע מיר אויס,
פון די בלומען, וועלכע וואַקסען
דאָרט און בליהען שייִן און גרויס“.

— „אַך, מיין קינד! דו זעהסט — צעבראָכען
הענגט די האַרפע אויף דער וואַנט;
אָפּגעוואוינט שוין לאַנג פון שפּילען
איז מיין שוואַכע, קראַנקע האַנט.

אָפּגעוואוינט פון זיסע פרייִדען
איז שוין לאַנג מיין קראַנקעס האַרץ;
זומער, ווינטער, הערבסט און פרילינג
בלייבט אין אים דער אַלטער שמאַרץ.

אַך, מיין קינד, איך טאָר ניט זינגען,
וויינען, זיפצען מעג איך נאָר,
ווייל איך בין, מיין קינד, אַן א ב ל
שוין כמעט צוויי טויזענט יאָר“.

אַך, מיין קינד, איך טאָר ניט זינגען א. אז. וו.

דעם פערז נאָכאַמאָל.

ש. פרוג.

דאָס אַלטינקע פידעלע

אַן אַלטינקע פידעלע
הענגט אויף דער וואַנט;
דער שפּילער, אַ אידעלע,
נעמט זי אין האַנט.

באַרירט ער דאָס סמיקעלע,
ציטערט זײַן האַרץ;
און שפּילט ער אַ שטיקעלע,
קוועלט אויף זײַן שמאַרץ.

זײַן ברוסט גיט אַן עפען זיך,
און עס טריפט בלוט;
געדאַנקען פיעל טרעפען זיך
אין דער מינוט.

זײַן הײם די פאַרצײַטיגע
קען ער און ווײס,
זײַן ליבסטע, די ווײַטיגע
ליבט ער נאָך הײס.

שאַרקאַנסקי.

די בלום

איך ווײס אַ בלום, וואָס שפּראָצט און בליהט,
וואָס וואַקסט אָהן טוי, אָהן רעגען.
זי דאַרף קײַן פרישע ווינטען ניט,
קײַן זון, וואָס שײַנט אנטקעגען.

זי וואַקסט אין שטורעם און אין שניי,
ווען אַלע בלומען שטאַרבען;
דער שטורעם גיט איר זאַפט און קראַפט,
גערוך און זיסע פאַרבען.

און ווען עס דונערט און עס בליצט,
און שטאַרקע ביימער פאַלען,
דאַן הייבט זי ערשט צו לעבען אָן,
דאַן הייבט זי אָן צו שטראַלען.

די בלום הייסט — „ליבע צו דעם פאָלק“;
זי שפּראָצט אַרויס אין שטורעם,
זי ציהט ח י ו נ ה פון איר שמאַרץ
און נערט זיך מיט י ס ו ר י ם.

יהואש.

ים-לידער

1.

כ׳האָב פאַרגעסען אַלע ליבסטע
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגען הויז;
כ׳האָב דעם י ם זיך אָפּגעגעבען:
טראָג מיך, י ם, צום מוטערס שויס!...

און דו, מ ע ר ב׳ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פליגעל
זוכט שוין לאַנג צו אים א וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין ב ש ל ו ם, —
נאָכדעם פליה זיך דיר צוריק,
גריסען זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק....

.2

אָנגע׳ב ר ו ג ז׳ט האָט דער י ם זיך
און געקנייטשט זיך און געקרימט ;
פלוצים האָט ער זיך צעבייזערט,
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפען שוין אַנטקעגען,
ווילד און בייז, מיט ווייסען שוים,
כוואַליעס־לייבען, כוואַליעס־שלאַנגען,
אויסגעוואַקסען פון דעם ת ה ו ם.

אָט האָט זיך אַ טאָל געעפענט,
אָט שטעהט אויף אַ הויכער באַרג :
פלאַטער, זעגעל ! בייג זיך, מאַסטבוים ! —
דו, מיין האַרץ, בלייב פעסט און שטאַרק !

האָסט אַ גרויסען גאָט אין הימעל,
י מ י ם שפּאַלט ער מיט זיין האַנט ;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער מיך צו סליבען לאַנד.

ר׳ יהודה הלוי, איבערז. ח. נ. ביאַליק.

וואָס זעה איך?

וואָס זעה איך דורך די שויבען?
עס פליהען אָן ווי טויבען,
מײַן יוסף, מײַן בנימין קלאַפּען אָן
אין טיר!

אַך, הימעל, גאָט, די וואונדער!
איך זעה דאָך מײַנע קינדער,
די ליבסטע און די טרײַסטע קומען אָן צו מיר.

אַוועק אַזוי פיעל יאָרען,
געמיינט — איך בין פאַרלאָרען,
אַן אלמנה אַ פאַרוויסטע, לײדיג בײַ מײַן
טיש...

מיט אײַך ווי איז געגאַנגען
צײַט מען האָט אײַך געפאַנגען?
וואָס מאַכט יהודה און אפרים? גיט
מיר אַ געריס!

אַהער קומט יענע יאָרען!
איך בין יונג געוואָרען,
איך וואַרף אַראָפּ מײַן טרויער, אַהער מײַן
זײַדען קלײד!

פול ווערט מײַן הויז ווידער,
עס הײבט דאָס הארץ, די גלידער:
פיעל פון מײַנע קינדער פאַרען אָן מיט פרײד.

פון שמחה טרערען פליסען;
לאָזט מיך האַלזען, קושען,

רוהט איַיך אויס די בייַנער, מייַנע הארצענס־געסט!
איר וועט ביַי מיר קריגען
אַלע פאַרגעניגען;
איר וועט ניט וויסען פון פרעמדע טישען, נאָר
דער מוטערס קעסט.

א. גאָלדפאַדען.

דעם אָדלערס קלאָג

איך האָב אויך אַמאָל גרויסע פליגעל געהאַט,
כ׳פלעג פליהען אַהער און אַהין;
הייַנט ליג איך און בין פונ׳ם טויט שוין ניט וויַיט,
איך קען זיך ניט רירען, ניט פליהען.
אַרויסגעצאַפּט האָט מען פון מיר שוין דאָס בלוט,
קייַן פליגעל ניטאָ... קוקט אַהער...
וואָס טויג מיר מייַן לעבען, איך וויל עס שוין ניט,
אז כ׳האָב מייַנע פליגעל ניט מער!

כ׳פלעג פליהען, זיך הייבען ביז אין הימעל אַרויף
דורך וואַלד, איבער בערג, איבער טאָלען;
כ׳פלעג אַראָפּלאָזען זיך צו דער ערד אויף דערויף,
כ׳זאָל צום הימעל צוריק נאָך אַמאָל.
הייַנט ליג איך געקאָוועט, געפּענטעט גאַנץ גוט,
אַ זיפץ טאָן — אי דאָס איז מיר שווער.
וואָס טויג מיר מייַן לעבען, איך וויל עס שוין ניט,
אז כ׳האָב מייַנע פליגעל ניט מער.

קינדער, אוי, זאָגט מיר, וואו זייט איר אַצונד?
אָפּגעריסען זייט איר פון מיר!
ווי רייסט מיר מיין הארץ, און ווי ווייט טוט מיר
מיין וואונד,
און ווי רינט פון מיר בלוט אָהן אַ שיעור!
אוי, קומט גיך צופליהען און שטילט מיר מיין בלוט,
נעמט צו, אוי, מיין לעצטע טרער.
וואָס טויג מיר מיין לעבען, איך וויל עס שוין ניט,
אז כ'האָב מיינע פליגעל ניט מער!

מ. ווארשאַווסקי.

זאַמד און שטערען

עס שיינט די לבנה; עס גלאַנצען די שטערען;
די נאַכט שוועבט אויף בארג און אויף טאָל...
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פאַר מיר אָפען, —
איך לייען עס, לייען עס טויזענטער מאָל.

איך לייען די הייליגע, טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך אַ שטימע: „איך שווער —
מיין פאָלק, דו וועסט זיין ווי די שטערען אין הימעל,
ווי זאַמד אויפ'ן ברעג פונ'ם מער...“

רבונו של עולם! עס ווערט ניט פארפאַלען
פון דיינע הבטחות קיין איינציגעס וואָרט:
מקוים מוז ווערען דיין הייליגער ווילען,
אַלץ קומט אין זיין צייט, אויף זיין אָרט.

און איינס איז שוין טאַקע מ ק ו י ם געוואָרען —
דאָס פיל איך, דאָס ווייס איך געוויס:
מיר זיינען געוואָרען ווי זאַמד וואָס איז ה פ ק ר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יאָ, גאָטעניו, א מ ת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעשפרייט און צעוואָרפען אויף שאַנד און אויף שפּאָט...
נו, אָבער די שטערען, די ליכטיגע, קלאָרע —
די שטערען, די שטערען, וואו זיינען זיי, גאָט!?

ש. פרוג.

האָט רחמנות

שטראָמען בלוט און טייכען טרערען
זידען, פליסען טיף און ברייט...
אונזער אַלטער, גרויסער אומגליק
האָט זיין האַנט אויף אונז פאַרשפּרייט.

הערט איר דאָרט, ווי מוטערס קלאָגען
און פון קינדער דאָס געשריי?
טויטע ליגען אויף די גאַסען,
קראַנקע פאַלען לעבען זיי...

ברידער, שוועסטער, האָט ר ח מ נ ו ת!
גרויס און שרעקליך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף ת כ ר י כ י ם,
גיט די לעבעדיגע ברויט!...

פון דער וויַיטען שווער צו פילען
וויַיטע ברערען — פרעמד געוויין,
וויַיטער אומגליק — פרעמדער אומגליק,
פרעמדעס בלוט... ניין, ברידער, ניין!

הערצער טויזענט — און איין ווייטאָג
טויזענט היַיזער — און איין טיר;
אַלע, אַלע — איין פאַרקלאָגטער,
קראַנקער י ת ו ם זיַינען מיר!...

ברידער, שוועסטער! האָט ר ח מ נ ו ת!
גרויס און שרעקליך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף ת כ ר י כ י ם,
גיט די לעבעדיגע ברויט!...

ש. פרוג.

דער כ ו ס

„זאָג מיר, מאַמעשע, איך בעט דיך,
איז דאָס א מ ת, וואָס עס האָט
מיר דערציילט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימעל דאָרט פאַר גאָט
שטעהט, כ ב י כ ו ל, שטעהט אַ בעכער,
און ווען מיר מוטשען זיך דאָ שווער,
האָט דער גרויסער גאָט ר ח מ נ ו ת,
לאָזט אין כ ו ס אַריַין אַ טרער?“ —

— „א מ ת, קינד מיַינס!“ — „זאָג נאָך, מאַמע,
איז דאָס אויכעט א מ ת זיכער,

אַז קומען דעמאָלט וועט מ ש י ח,
ווען פאַרפילט וועט זײַן דער בעכער?“ —
„א מ ת!“ — און דאָס קינד פאַרקלערט זיך,
וואַרט אַ ר ג ע טרויעריג שטיל;
פרעגט דערנאָכדעם: „ווען־זשע, מאַמע,
וועט דער בעכער זײַן שוין פול?“ —

און ער הייבט די בלויע אויגען
טרויעריג צו דער מוטער אויף;
„צי איז אָהן אַ דנאָ דער בעכער,
וואָס מיר לײַדען אָהן אַ ס ו ף?
וואָס מיר לײַדען אוים אין ג ל ו ת,
און דער כ ו ס וויל פול נישט ווערען?
א פ ש ר טריקענען דורך די יאָרען
אינ׳ם בעכער אוים די טרערען?“ —

און צערודערט בלײַבט די מוטער
אויפ׳ן פרומען קינד געבויגען;
און עס ציטערן די ברעמען
איבער טרויעריג־פײַכטע אויגען;
און עס פאַלען צוויי בריליאַנטען
אויפ׳ן קינדס פאַרקלערטען שטערען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

גאָט אין הימעל, האָב ר ח מ נ ו ת,
נעם אין כ ו ס אַרײַן די טרערען!

י. ל. פרץ פון ש. פרוג.

פאַר משיח'ן

ביי דעם י ר ד ן שטעהט אַ קוזניע;
און דער קאָוואַל אין דער קוזניע
שטעהט ביי דער מ ל א כ ה.
מיט דעם בלאָז־זאַק בלאָזט ער דאָרט:
פאַך־פאַך! פאַך־פאַך! — בלאָזט ער דאָרט
און מיט גליק און ב ר כ ה.

רויט אויף דער קאָוואַדלע גליהען
טוט דאָס אייזען, טוט זיך ציהען,
קאָכען היים און זידען.
און דער האַמער קלאַפּט דערויף,
הוק־הוק! הוק־הוק! — קלאַפּט דערויף,
קלאַפּט און טוט עס שמידען.

קלאַפּ זשע, קאָוואַל! לאָזען שפּריצען,
לאָזען טויזענט פונקען בליצען,
פליהען ווי מ ל א כ י ם!
פון דעם האַמער צוקט אַ בליץ,
פלים־פלאַם, פלים־פלאַם, — צוקט אַ בליץ,
און עס דונערט נאָך אים.

„וואָס זשע, קאָוואַל, שמידסטו דאָרטען?"
— „כ'שמיד פון מיינע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מ ט ר י ח:
די פּאָדקאָווע מאַך איך פאַר'ן
הורא! הורא! מאַך איך פאַר'ן
פערדעל פון מ ש י ח!"

ד. פרישמאַן

IX. פאַרשידענע לידער

דער אלף־בית

אויפ'ן פריפעטשיק ברענט א פײַערל,
און אין שטוב איז הייס;
און דער ר ב י לערנט קליינע קינדערלעך
דעם א ל ף ־ ב י ת.
זעהט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט זשע נאָך אַמאָל און טאַקע נאָך אַמאָל:
„ק מ ץ ־ א ל ף — אָ!" (בים)

לערנט, קינדערלעך, מיט גרוים ח ש ק,
אַזוי זאָג איך אײַך אָן;
ווער ס'וועט גיכער פון אײַך קאָנען ע ב ר י,
דער באַקומט א פאָן.
זעהט זשע, קינדערלעך, א. אַז. וו.

לערנט, קינדער, האָט ניט מ ו ר א,
יעדער אָנהייב איז שווער;
גליקליך איז דער, וואָס האָט געלערנט ת ו ר ה,
צי דאַרף דער מענש נאָך מער?
זעהט זשע, קינדערלעך א. אַז. וו.

איר וועט, קינדער, עלטער ווערען,
וועט איר אַליין פאַרשטעהן,

ווּיפיעל אין די אותיות ליגען טרערען
און וויפיעל געוויין.
זעהט זשע, קינדערלעך, א. אז. וו.

מ. ווארשאווסקי.

לאָמיר אַלע אינאיינעם זיין

לאָמיר אַלע אינאיינעם, אינאיינעם,
אינאיינעם, אינאיינעם, אינאיינעם זיין! (ביס)
לאָמיר אַלע אינאיינעם,
לאָמיר אַלע אינאיינעם
לוסטיג און פריילוך זיין!

לאָמיר אַלע אינאיינעם, אינאיינעם
דעם לערער מקבל פנים זיין. (ביס)
לאָמיר אַלע אינאיינעם,
לאָמיר אַלע אינאיינעם
לוסטיג און פריילוך זיין.

פאָלקס־ליד.

די אַלטע קשיא

פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא:
טראַ־לאַ־טראַ־די־רי־דע־ראָם?
ענטפערט מען: טראַ־די־רי־דע־ריי־לאָם,
אָי, אָי, טראַ־די־רי־דע־ראָם!
און אַז מען וויל, קען מען דאָך זאָגען: טראַדים?
בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא:
טראַ־לאַ־טראַ־די־רי־דע־ראָם?

פאָלקס־ליד.

אין חדר

קום אַהער, אינגעלע, נעהנטער צו מיר
און טו אַ קוק אין די קליינע אותיו׳לעך! —
טײַערע אותיו׳לעך, גילדערנע אותיו׳לעך!
גיכער, גיכער קום אַהער.

האָב קײַן מורא ניט, שרעק זיך ניט!
אָט אַזוי, זעץ זיך אַוועק און הער אוים מיט קאָפּ.
זעץ זיך, אָט אַזוי, הער זיך צו!

קמץ אלף — אָ, קמץ בית — באָ, קמץ גימל — גאָ,

קמץ דלת — דאָ!
פּתח אלף — אַ, פּתח בית — באַ, פּתח גימל — גאַ,

פּתח דלת — דאַ!

אָט אַזוי, אינגעלע, אָט אַזוי דאַרף מען לערנען תורה!
אוי, ווײַ, טײַערער אינגעלע, אָט אַזוי דאַרף מען לערנען תורה!

אַז מען וועט דיך פרעגען: „וואָס האָסטו געטאָן אין חדר?“
זאָלסטו זאָגען: „כ׳האָב געלערנט תורה“.
געדענק זשע: „תורה“!
נאָך אַ מאָל: „תורה“!
תורה, תורה, תורה!

מ. מילנער.

אַ גנבה

ביַי מיַין ר ב י׳ן איז געוועזען,
אוי, אוי, איז געוועזען,
ביַי מיַין ר ב י׳ן איז געוועזען
אַ ג נ ב ה!
זיבען העמדער ווי די בעכער,
דריַי מיט לאַטעס, פיער מיט לעכער —
אַ ג נ ב ה!

ביַי מיַין רבי׳ן איז געוועזען,
אוי, אוי, איז געוועזען,
ביַי מיַין ר ב י׳ן איז געוועזען
אַ ג נ ב ה!
זיבען ליַיכטער ווי די שטערען,
דריַי אָהן פיסלעך, פיער אָהן רערען —
אַ ג נ ב ה!

ביַי מיַין ר ב י׳ן איז געוועזען,
אוי, אוי, איז געוועזען,
ביַי מיַין ר ב י׳ן איז געוועזען
אַ ג נ ב ה!
זיבען זאָקען ווי די מיצען,
דריַי אָהן פיאַטעס, פיער אָהן שפּיצען —
אַ ג נ ב ה!

פאָלקס־ליד.

חאַצקעלע

—חאַצקעלע, חאַצקעלע,
שפּיל מיר אַ קאַזאַצקעלע!
כאַטש אַן אָרימינקע,
אַבי אַ כוואַטסקעלע!
אָרים איז ניט גוט,
אָרים איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אונזער אייגען בלוט.

ניט קיין געבעטענע,
אַליין געקומען,
כאַטש אַן אָרימינקע,
פאַרט אַ מומע.
אָרים איז ניט גוט א. אַ. וו.

פאָלקס-ליד.

זשאַמעלע

„דו וועסט זיין אַ גביר, מיין זשאַמעלע!“
פלעגט מיר זינגען ביי מיין וויגעלע
אַלע נאַכט אַמאָל מיין מאַמעלע;
איך געדענק נאָך היינט איר ניג׳עלע.

און מקוים איז געוואָרען מיר
די הבטחה פון מיין מאַמעלע:
שווער צו קריגען אַזאַ גרויסען גביר,
אַזאַ׳ן עושר, ווי איר זשאַמעלע.

שלאָפען שלאָף איך אויף אַ קערבעלע,
מאַך ה מ ו צ י א אויף אַ סקאָרינקע
און ל ח י י ם אויף אַ שערבעלע,
פול מיט ברונעם־וואַסער קלאָרינקע.

און די קינדערלעך און ס'ווײַבעלע
געהען אויסגעפוצט אַנטיקעלע:
דורך אין אַנטשקעס דאָס לײַבעלע
און פאַרגאַרטעלט מיט אַ שטריקעלע.

ש. הורוויטש.

דער בלינדער

אין די וויגען וויינען קינדער,
וויגען מאַמעס צו:
— ליולינקע, ליו־ליו!
מיט אַ טאָרבע געהט אַ בלינדער,
שלעפּט זיך צו זײַן רוה.

קלאַפּט דער בלינדער אין אַ טויער,
איז דער טויער צו.
זיפצט דער בלינדער אין זײַן טרויער:
גאָט, פאַרנעם כאָטש דו!

און ביים טויער ליגט דער בלינדער,
דעקט די נאַכט אים צו.
וויינען אין די וויגען קינדער,
וויגען מאַמעס צו:
— ליולינקע, ליו־ליו!

מאַני לייב.

שיין פייגעלע

שײַן־פֿײַגעלע, זינג!
שײַן־פֿײַגעלע, קלינג!
עס וואַרימט דײַן ליד מײַן נ ש מ ה.
דו האָסט מיך דערקוויקט,
דו האָסט מיך באַגליקט,
דו שענקסט מיר אַ ליכט, אַ נ ח מ ה. (בים)

מ. ריוועסמאַן.

די יונגע יאָרען

אויפ'ן באַרג, איבער'ן באַרג
פליהען טויבען פּאָרען;
כ'האָב נאָך גאָר קײַן גוטעס ניט געהאַט,
אַוועק מײַנע יונגע יאָרען.

שפּאַנט זשע, ברידער, פּערד און וואָגען,
לאָמיר לויפען, פּאָרען,
טאָמער וועלען מיר נאָך דעריאָגען
אונזערע יונגע יאָרען.

מיר האָבען דעריאָגט אונזערע יונגע יאָרען
אויף דער הויכער בריק:
יאָרען, יאָרען, קערט זיך אום
כאָטש אין געסט צוריק.

ניין, ניין, מיר'ן זיך ניט אומקערען,
ס'איז ניטאָ צו וועמען;

האָט איר פריהער ניט באַדאַרפט
אונז אַזוי פאַרשעמען.

פאָלקס־ליד.

איך בין אַ בעל־עגלה

איך בין אַ בעל־עגלה
און איך אַרבײַט אָהן אַן עק;
איך שפּיל מיר אָפּ מײַן קלײַנע ראָלע
און איך פאָר אַוועק.
— אַוועקגעפאָרען, אַוועקגעפאָרען
אַ פולע בויד גנבים.
אײַנער שרײַט: „פאָר שוין גיכער,
מען וועט אונז דעריאָגען,"
דער אַנדערער שרייט: „פאָר שוין גיכער,
עס הײַבט שוין אָן צו טאָגען!"
וויאָ, וויאָ, וויאָ, וויאָ, וויאָ!

איך בין אַ בעל־עגלה
און איך אַרבײַט אָהן אַן עק;
איך שפּיל מיר אָפּ מײַן קלײַנע ראָלע,
און איך פאָר אַוועק.
— אַוועקגעפאָרען, אַוועקגעפאָרען
אַ פולע בויד מיט ווײַבער.
זײַ גײַגערן, זײַ גרײַגערן,
אַ געזונט אין זײַערע לײַבער. (ביס)
וויאָ, וויאָ, וויאָ, וויאָ, וויאָ!

פאָלקס־ליד.

פינסטערע נעכטעל

גיך ווערסטו, פינסטערע
נעכטעל, אַוועקפליהען.
אָקאָרשט־טאָג וועלען מיר
ווײַטער שוין געהן.
ווי נאָר די זון וועט אין הימעל באַווײַזען זיך,
וועט זי אונז פרײַליך באַלײַכטען דעם וועג.
טײַערע, פלינקע פערד וועלען מיר אָנזאָטלען,
ס'וועט אונזער בלאַנקער שווערד בלאַנקען, אַ שרעק!
זינגענדיג,
טאַנצענדיג,
פויקענדיג וועלען אונז
פרויען באַגעגענען
מאָרגען פון וועג! (ביס)
גיך ווערסטו, פינסטערע
נעכטעל, אַוועקפליהען.
אָקאָרשט־טאָג וועלען מיר
ווײַטער שוין געהן!

מ. ריוועסמאַן.

אויפ'ן בוידים שלאָפט דער דאַך

אויפ'ן בוידים שלאָפט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך;
און מײַן קינד אין וויגעל שלאָפט,
נאַקעט, גאָר אָהןווינדעלעך.
האָפּ, האָפּ! אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דאָס שטרוי.

אויפ'ן בוידים הענגט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר;
נעמט ער מײַן ח י ו נ ה צו,
און דעם ד ל ו ת לאָזט ער מיר.
האָפּ, האָפּ! אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דאָס שטרוי.

אויפ'ן בוידים זיצט אַ האָן,
איז זײַן קאַם גאָר פײַער־רויט.
ווען מײַן ווײַב וואָלט וועלען געהן
ערגעץ באָרגען אַ לאַבען ברויט...
האָפּ, האָפּ! אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דאָס שטרוי.

ב. שאַפּיר.

עס זינגט זיך ניט

אוי, ענטפערט מיר, איך בעט אײַך זעהר,
וואָס האָב איך מיר אַזוי צעזונגען?
דאָס לעבען קומט אָן אַזוי שווער,
דאָס האַרץ ווערט אָקערשט ניט צעשפּרונגען.

אי דאָ, אי דאָרטען טריפט זיך בלוט...
אוי, ווערט פאַרשטומט איר פריילי̇כע לידער!
דאָס לעבען איז פאַרביטערט, ברידער,
עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך ניט.

מ. וואַרשאַווסקי.

די איינזאַמע מוטער

מוטער: ס'איז שפּעט, ניט געה אין וואַלד, מיין זון,
קיין מענש איז דאָרט נישטאָ.
לאָז אָפּ, ניט זוך דיין שוועסטער מער,
בלייב דאָ, מיין זון, בלייב דאָ.
דער ווינט וואַרפט שיר דאָס הויז נישט
אום,
די נאַכט איז וויסט און קאַלט;
און וועג און שטעג פאַרשנייט, פאַרוויט.
בלייב דאָ, נישט געה אין וואַלד.

זון: נישט וויין, אָ מוטער, שרעק זיך ניט,
ס'וועט גאָרנישט זיין מיט מיר.
איך געה און זוך די שוועסטער אוים
און ברענג צוריק צו דיר.
איך קען ניט זעהן — פון טאָג צו טאָג
ווערט טרויעריגער דיין בליק.
מיט ווינט און שניי בין איך געוואוינט,
און באַלד בין איך צוריק.

עס געהט דער זון אין וואַלד ארוים,
די מוטער קוקט אים נאָך.
די נאַכט פאַרגעהט, די מוטער וואַרט,
און וואָך פאַרגעהט נאָך וואָך.
דער שניי צעגעהט, דער פרילינג קומט,
די וועלט ווערט יונג און שיין.
די מוטער וואַרט, די מוטער וויינט,
די מוטער בלייבט אליין.

מ. ל. האַלפּערן פון מענדעלסאָן.

צום וואַנדרערער

א פינסטערניש באַדעקט דאָס פעלד,
א קאַלטער ווינט פון ים נעמט בלאָזען;
צו אונז קום גיכער, יונגער העלד!
ס'איז שפּעט —— ביסט איינזאַם און פאַרלאָזען!
(ביס)

ביי אונז איז שטיל און גוט ביינאַכט,
בייטאָג איז פרייליך — טענץ און לידער;
צו אונז קום, איינזאַמער און מידער!
קום, אונזער וואַנדערער, ניט טראַכט! (ביס)

און ווי די מאָרגען־זון דערוואַכט,
וועסטו מיט אונז אַ כ ו ס אויסטרינקען,
מיט אונז צוזאַמען וועסטו זינגען;
קום, יונגער וואַנדערער, ניט טראַכט! (ביס)

מ. ריוועסמאַן.

טרערען

דו זאָגסט, אַז אין צווייען איז גרינגער צו קלאָגען,
צו וויינען אין צווייען ווערט גרינגער דער שמאַרץ.
אוי, ניטע, מיין ברודער, ווי קענסטו דאָס זאָגען?
אין צווייען איז שווערער דאָס אומגליק צו טראָגען,
אַזעלכענע טרערען פאַרקלעמען דאָס האַרץ.

איינס קען איך דיר זאָגען, איינס קען איך דיר
שווערען:
מיין האַרץ האָב איך אויסגעווײנט לאַנג
[illegible]מוילערהייט.

ווען קיינער פון אייך פלעגט ניט זעהן מיינע טרערען,
ווען גאָט נאָר אַליין פלעגט אין שטילען מיך הערען,
פלעגט גרינגער מיר ווערע מיין צ ע ר, מיין לייד!

מ. וואַרשאַווסקי.

ווען איך לייד

ווען איך לייד און זעה אייך שווייגען,
גלויב איך נאָך אַמאָל: פיליכט
פילט איר מיט און קענט ניט העלפען;
ווערט מיין טריבער בליק נאָר פייכט.

אָבער ווען איך לייד און הער אייך,
ווי איר ט ע נ ה׳ט מיט אַ שפּאָט
פון מיין וויטאָג, פון מיין עלענט,
דאַן — מיין הארץ נאָר פילסטו, גאָט!

דאַן, אָ, וואָלט איך ווֹעלען כאַפּען
אונזער וועלט מיט מיינע הענט
און צעטרייסלען זי, ווי ש מ ש ו ן
האָט צעטרייסעלט יענע ווענט!

פאַל איך איינער, פאַלט איר אַלע!
וואָס מיט מיר, אָט דאָס מיט אייך!
קענען אַלע גלייך ניט לעבען,
שטאַרבען קענען אַלע גלייך!

די אַלטע האַרף

פאַרגעסען און פאַרשטויבט
ליגט די אַלטע האַרף ;
צעריסען און פאַרשמאַכט
שווייגט דאָס אַלטע האַרץ.

אָפט רייסט זיך פון דער האַרף
אָפּ אַ שאַרפער טאָן ;
עס רייסט זיך אויס פון האַרץ
אַמאָל אַ שווערען זיפץ

און פאַרשטומען באַלד
אויף לאַנגע, לאַנגע טעג
און נאָך לענגערע
שטילע, וויסטע נעכט !

י. ל. פּרץ.

אַ לאַנגער אויגענבליק

אײַנזאַם מיט מײַן טיפען קומער
זיץ איך שוואַך און קראַנק אַלײַן.
באַלד פאַרביי איז שוין דער זומער,
און איך זיפץ נאָך אַלץ און וויין.

עס פאַרוועלקען שוין די בלומען,
אַלצדינג ח ל ש'ט, אַלצדינג דאַרט ;
ס'ווייט דער ווינט, די קעלטען קומען,
און איך זיץ נאָך אַלץ און וואַרט.

אַך, ווי איז די צײַט אַנטלאָפֿען!
אַך, ווי ראַש דאָס לעבען שוועבט!
כ'האַלט נאָך איצט אין מיטען האָפֿען,
און האָב באַלד שוין אָפּגעלעבט!

יאָרען פֿליהען, שטונדען שוועבען,
קומען קײנמאָל ניט צוריק.
יאָ, דאָס גאַנצע, גאַנצע לעבען
איז אַ לאַנגער אויגענבליק.

מ. ראָזענפֿעלד.

מיין שיף געהט אונטער

דער וועג איז ווײַט, דער טאָג איז קורץ,
די זון זינקט באַלד אַרונטער;
דאָס וואַסער רוישט, צום ברעג איז ווײַט, —
מײַן שיף, מײַן שיף געהט אונטער!

דאָ העלפֿט עס מער קײן ראַנגלען זיך,
דער ווינט איז אַ געזונטער;
דער ים איז גרויס, דער ים איז ווילד,
מײַן שיף, מײַן שיף געהט אונטער!

אָ, זײַ געזונט, דו שײנע זון!
דו שײַנסט נאָך ווידער מונטער;
נאָר איך — די כוואַליעס רוישען שרעק,
מײַן שיף, מײַן שיף געהט אונטער!

מ. ראָזענפֿעלד.

צו שפּעט

און ווען דער פרילינג האָט באַגריסט
מיט ליבע אונזער וועלט,
דאַן האָט זי בלומען איינגעפלאַנצט
אַרום איר ווייס געצעלט.
„אוי, ליבע קערנדלעך" — האָט זי
געכליפּעט אַ געבעט, —
„אוי, זעהט, די בלומען זאָלען ניט
אַרויפבליהען צו שפּעט!...

שלאָגט גיך די וואָרצעל אין דער ערד,
די שטענגלעך שיסט אַרוים —
אוי, מיר צו לעבען איז באַשערט
נאָר טעג געציילטע בלויז...
טאָג־טעגליך וועל איך פייכט מאַכען
מיט טרערען אייער בעט;
נאָר, ליבינקע, פאַרזוימט אייך ניט
און בליהט ניט אויף צו שפּעט!"...

די קערנדלעך זיי האָבען איר
בקשה ניט געהערט.
זיי האָבען זיך אַ היבשע צייט
פאַרווײלט אונטער דער ערד;
איצט האָבען זיי אַרויפגעשיקט
אַ בליהענדען בוקעט —
נאָר פאַר דער קראַנקער איז עס שוין
געווען צו שפּעט... צו שפּעט!...

י. מאַרינאָוו.

מאַי-קאָ-משמע-לן?

מאַי־קאָ־משמע־לן דער רעגען?
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערען? —
זײַנע טראָפּענס אויף די שויבען
קײַקלען זיך, ווי טריבע טרערען.
און די שטיוועל איז צעריסען,
און עס ווערט אַין גאַס אַ בלאָטע;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ'האָב קײַן וואַרימע קאַפּאָטע...

מאַי־קאָ־משמע־לן דאָס ליכטעל?
וואָס זשע לאָזט עס מיך צו הערען?
ס'קאַפּעט און עס טריפט זײַן חלב,
און ס'וועט באַלד פון אים נישט ווערען.
אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלײַזעל,
ווי אַ ליכטעל, שוואַך און טונקעל,
ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגעהן
אין דער שטיל, אין מזרח־ווינקעל...

מאַי־קאָ־משמע־לן דער זײגער?
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערען?
מיט זײַן געלען ציפּערבלעטעל,
מיט זײַן קלינגען, מיט זײַן שווערען?
ס'איז אַן אָנגעשטעלטע כלי,
ס'האָט קײַן לעבען קײַן געפילען,
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגען,
אָהן זײַן רצון, אָהן זײַן ווילען...

מאַי־קאָ־משמע־לן מײַן לעבען?
וואָס זשע לאָזט ער מיך צו הערען?
פוילען, וועלקען אין דער יוגענט,
פאַר דער צײַט פאַרעלטערט ווערען;
עסען „טעג“ און שלינגען טרערען,
שלאָפען אויפ׳ן פויסט דעם האַרטען,
טויטען דאָ די „עולם־הזה“
און אויף „עולם־הבא“ וואַרטען...

א. רייזען.

אַ קאַראַהאָד

— שלום־עליכם! (3)
— עליכם־שלום!
— פון וואַנען קומט אַ איד? (3)
— פון כתרילעווקע.
— וואָס הערט זיך אין כתריליווקע (3)
עפּעס, עפּעס גוטס?
— מען טרינקט דאָרטען און מען הוליעט
און מען געהט אַ קאַראַהאָד (4).

פאָלקס־ליד.

Copyright by
Jacob L. Levin, 1920.